נ. וו. גאָגאָל

די חתנים

קאָמעדיע אין 2 אַקטן

יידיש: אַברהם זאַק

1923 – 1928

JUUDI SOOST ÜLIÕPILASTE ÜHING "HASMONEA" TARTUS
הסתדרות הסטודנטים „חשמונאי"

320

L-10

פאַרלאַג די צייט
וואַרשע
1922

נאָכדרוק פארבאָטן.

Copyright 1922
by Sol Sheikewitz
New-Jork.

די קאָמעדיע "Женитьба„ האָבן מיר א נאָמען
געגעבן ,,די חתנים״, לויטן ערשטן פלאַן פון גאָגאָלן

דאָס רעכט אויף אויפפירן די איבערזעצונג געהערן דעם איבערזעצער,
מיט וועמען מען מוז זיך פריער פארשטענדיקן דירעקט:
A. ZAK, Warszawa Mławska 3. m. 7.

דרוקעריי
„ר ע ק אָ ר ד״
וואַרשע דזיקאַ 18

פּערזאָנען:

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ, אַ סוחרישע טאָכטער, אַ כּלה-מיידל

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ, איר מומע

טעקלאַ איוואַנאָוונאַ, אַ שדכנטע

פּאָדקאָלעסין, הויף-ראַט

קאָטשקאַרעוו, זיין פריינד

יאַיטשניצאַ, אַן עקזעקוטאָר

אַנוטשקין, אַ דימיסיאָנירטער פיעכאָטע-אָפיציר

זשעוואַקין, אַ דימיסיאָנירטער פלאָט-אָפיציר

דוניאַשקאַ, אַ שטוב-מיידל

סטאַריקאָוו, אַ קרעמער

סטעפּאַן, פּאָדקאָלעסינס דינער

JUUDI SOOST ÜLIÖPILASTE ÜHING ... -TARTUS

ערשטער אקט.

ערשטעס בילד.

א בחוריש צימער.

ערשטע סצענע.

פּאָדקאָלעסין

איינער אליין, ליגט אויפן דיוואַן, רויכערט אַ ליולקע

אָט אַז דו גיסט אַמאָל אַליין אַ טראַכט, דאַמאָלס זעסטו, אַ סוף־כל־סוף מוז מען חתונה האָבן. וואָרום ווי איז אין דער אמתן? לעבסט, לעבסט און נאָך אַלעמען בלייבט אַ נישט־גוטקייט. אָט רוקט זיך שוין „פּאָסט" און ווידער פאַרשלאָפן דעם חתונה־סעזאָן. און, דוכט, אַלץ איז דאָך שוין פאַרטיק, און די שדכנטע גייט שוין דריי חדשים. ס'ליגט שוין באמת מיר אַליין די זאַך אויפן געוויסן. עי, סטעפאַן!

צווייטע סצענע.

פּאָדקאָלעסין, סטעפאַן.

פּאָדקאָלעסין

איז די שדכנטע נישט געקומען?

סטעפאַן

ניִשט געקומען.

פּאָדקאָלעסין

און ביים שניידער ביסטו געווען?

סטעפאַן

געווען.

פּאָדקאָלעסין

נו, ער נייט דעם פראַק?

סטעפאַן

ער נייט.

פּאָדקאָלעסין

האָט ער שוין אַ סך פאַרפערטיקט?

סטעפאַן

שוין אַ סך. האָט שוין אָנגעהייבן די לעכלעך אויסנייען.

פּאָדקאָלעסין

וואָס זאָגסטו?

סטעפאַן

איך זאָג, אַז ער האָט שוין אָנגעהייבן די לעכלעך אויס־
נייען.

פּאָדקאָלעסין

האָט ער ניִשט געפרעגט: צו וואָס אַ שטייגער דאַרף דער
הער האָבן אַ פראַק?

סטעפאַן

ניין, ער האָט ניִשט געפרעגט.

פּאָדקאָלעסין

קאָן זיין, אַז ער האָט געזאָגט: „צי וויל נישט אַמאָל דער הער חתונה האָבן?״

סטעפּאַן

ניין, ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

פּאָדקאָלעסין

דו האָסט פונדעסטוועגן געזען נאָך אַנדערע פּראַקן? ער גייט דאָך אויך פּאַר אַנדערע.

סטעפּאַן

יאָ, פּראַקן הענגען ביי אים אַ סך.

פּאָדקאָלעסין

פונדעסטוועגן, דאָס טוך פון יענע פּראַקן מוז אוודאי זיין ערגער פון מיינעם.

סטעפּאַן

יאָ, דאָס טוך, וואָס אויף אייערן, וועט זיין אַ סך שענער

פּאָדקאָלעסין

וואָס זאָגסטו?

סטעפּאַן

איך זאָג, דאָס טוך, וואָס אויף אייערן, וועט זיין אַ סך שענער.

פּאָדקאָלעסין

גוט, האָט ער נישט געפרעגט: „צו וואָס אַ שטייגער גייט דער הער פון אַזאַ פיינעם טוך אַ פּראַק?״

סטעפּאַן

ניין.

פאָדקאָלעסין
האָט ער נישט גערעדט וועגן דעם, צי וויל ער נישט אַמאָל חתונה האָבן?

סטעפאַן
ניין, וועגן דעם האָט ער נישט גערעדט.

פאָדקאָלעסין
דו האָסט פונדעסטוועגן געזאָגט, וואָס איך האָב פאַר אַ ראַנג און וווּ איך דין?

סטעפאַן
דערציילט.

פאָדקאָלעסין
וואָס זשע זאָגט ער אויף דעם?

סטעפאַן
ער זאָגט: „כ׳וועל זיך באַמיִען".

פאָדקאָלעסין
גוט. איצטער גיי. סטעפאַן אָפּ

דריטע סצענע.

פאָדקאָלעסין
אַליין

איך בין דער מיינונג, אַז אַ שוואַרצער פראַק איז עפּעס סאָלידער. קאָלירטע פאַסן מער פאַר סעקרעטאַרן, טיטולירטע און פאַר שור־בור — ס׳איז עפּעס צו יינגלש. יענע, וואָס זיינען פון אַ העכערן ראַנג, דאַרפן מער אַכטונג געבן אויף... ווי מ׳זאָגט... הממ.... אַך פאַר־

געסן דאָס וואָרט! אַ טייער וואָרט און פֿאַרגעסן. יאָ, ברודער, ווי דו זאָלסט זיך שוין נישט דרייען, איז אַ הויף־ראַט פונקט דערזעלבער פּאָלקאָווניק, בלויז וואָס דער מונדיר איז אָן עפּאָלעטן. עי, סטעפּאַן!

פּערטע סצענע.

פּאָדקאָלעסין, סטעפּאַן.

פּאָדקאָלעסין

שוּ־וואַקס האָסטו געקויפט?

סטעפּאַן

געקויפט.

פּאָדקאָלעסין

ווו האָסטו געקויפט? אין יענעם געוועלבל דאָרט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אויף וואָזנעסענסקי פּראָספּעקט?

סטעפּאַן

יאָ, אין יענעם.

פּאָדקאָלעסין

נו, גוטער שוּ־וואַקס?

סטעפּאַן

גוטער.

פּאָדקאָלעסין

האָסט געפּרוּווט דערמיט פּוצן די שטיוול?

סטעפּאַן

געפּרוּווט.

פּאָדקאָלעסין
נו, עס גלאַנצט?

סטעפּאַן
גלאַנצן גלאַנצט עס גוט.

פּאָדקאָלעסין
און בעת ער האָט דיר דערלאַנגט דעם שוך־וואַקס, האָט ער דיך ניט געפרעגט צו וואָס, אַ שטייגער, דאַרף דער הער האָבן אַזאַ וואַקס?

סטעפּאַן
ניין.

פּאָדקאָלעסין
אפשר האָט ער געפרעגט: „צי קלייבט זיך ניט אַמאָל דער הער חתונה האָבן?"

סטעפּאַן
ניין, ער האָט גאָרניט גערעדט.

פּאָדקאָלעסין
נו, גוט, קענסט גיין.

פינפטע סצענע

פּאָדקאָלעסין
אַליין

דוכט אַ נאַרישקייט — שטיוול, און פונדעסטוועגן אויב נאָר זיי זיינען שלעכט געניייט און דערצו נאָך רויטער שוך־וואַקס, ווערט מען שוין אין אַ פיינער געזעלשאַפט פון דיר קנאַפּ־וואָס האַלטן. אַלץ איז עפּעס ניט גלאַטיק. ווי מיאוס איז, אַז מען האָט נאָך היגער־אויגן. כ'בין

גרייט צו פֿאַרטראָגן גאָט ווייס וואָס, נאָר ניִשט קיין הינער־אויגן. עי, סטעפּאַן!

זעקסטע סצענע.

פּאָדקאָלעסין, סטעפּאַן

סטעפּאַן
וואָס פֿאַרלאַנגט איִר?

פּאָדקאָלעסין
האָסט געזאָגט דעם שוסטער, עס זאָלן ניִשט זיין קיין הינער־אויגן?

סטעפּאַן
געזאָגט.

פּאָדקאָלעסין
וואָס זשע זאָגט ער?

סטעפּאַן
ער זאָגט: „גוט". סטעפּאַן אָפּ

זיִבעטע סצענע.

פּאָדקאָלעסין נאָכדעם סטעפּאַן.

פּאָדקאָלעסין
ס'איִז, צום טייוול, אַ קלאָפּאָט־זאַך, דאָס התונה האָבן! דאָ דאָס, דאָ יענץ. וואָלט עס שוין ווי עס איז געווען גלאַטיק. ניין, צום טייוול, ס'איִז ניִשט אַזוי לייכט, ווי

מ׳זאָגט. עי סטעפאַן! סטעפאַן קומט אַרײַן כ׳האָב דיר נאָך געוואָלט זאָגן...

ס ט ע פ אַ ן
די אַלטע איז געקומען.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן
אַ, געקומען, רוף זי אַהער. סטעפאַן אָפּ יאָ, דאָס איז אַ זאַך... אַ זאַך... נישט אַבי־ווי... אַ שווערע זאַך.

אכטע סצענע.

פאָדקאָלעסין און טעקלאַ.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן
אַ גוטער מאָרגן, טעקלאַ איוואַנאָוונאַ. נו, וואָס, ווי? נעם אַ שטול, זעץ זיך אַנידער און דערצייל. נו, ווי זשע, ווי? ווי הייסט זי דאָרט: מעלאַניאַ...

ט ע ק ל אַ
אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן
יאָ, יאָ, אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ. און אוודאי אַ 40־יעריקע בתולה?

ט ע ק ל אַ
עך, דאָס אוודאי נישט; ס׳הייסט איר וועט חתונה האָבן, וועט איר אַלע טאָג לויבן און דאַנקען.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן
דו לייגסט, טעקלאַ איוואַנאָוונאַ.

ט ע ק ל אַ

כ׳בין שוין צו אַלט, איך זאָל ליגן זאָגן. אַ הונט לייגט.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

און מכּח נדן... נדן?.. דערצייל זשע פון ס׳ניי.

ט ע ק ל אַ

און נדן: אַ מויער אין מאָסקווער טייל, אַ צוויי־שטאָקיקער, טראָגט פיל הכנסה, אַן אמתע שפע: איין קרעמער צאָלט 700 פּאַר אַ געוועלבל. היינט אַ ביר־קעלער צים אויך צו אַ גרויסן עולם; דערצו צוויי הילצערנע פליגל — איין פליגל איז אינגאַנצן פון האָלץ, דער צווייטער אויף אַ שטיינערנעם פונדאַמענט, יעדער באַזונדער ברייננט אַ 400 קאַרבן הכנסה. ס׳איז נאָך אויך פאַראַן אַ גאָרטן אין וויבאָרגער טייל. מיט דריי יאָר צוריק האָט עס אַ סוחר געדונגען אויף קרויט און אַ סוחר דווקא אַ ניכטער, נעמט גאָר קיינמאָל נישט קיין ביטערן טראָפּן אין מויל אַריין, און ער האָט נאָך דערצו דריי זין, דער סוחר, צוויי האָט ער שוין חתונה געמאַכט, און דער דריטער, זאָגט ער, איז נאָך יונג, זאָל ער נאָך זיצן אין קראָם, כּדי עס זאָל זיין גרינגער צו פירן דעם האַנדל; איך, זאָגט ער, בין שוין אַלט, טאָ זאָל דער זון זיצן אין קראָם, כּדי עס זאָל זיין גרינגער צו פירן דעם האַנדל.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

יאָ, און ווי איז זי אַליין?

ט ע ק ל אַ

ווי ראַפינאַד! אַ ווייסינקע, אַ פּאַרביקע — בלוט און מילך... אַזאַ זיסקייט, וואָס מען קאָן עס גאָרנישט אַרויס־געבן. איר וועט זיין צופרידן אָט ביז דאַנען... אָנווייזנדיק אויפן האַלז ס׳הייסט, אי פּאַר אַ פריינט, אי פּאַר אַ פיינט

וועט איר זאָגן: „אָ ווי בין איך דאַנקבאַר דער טעקלאַ איוואַנאָוונאַ!"

פּאָדקאָלעסין

אָבער זי איז דאָך פונדעסטוועגן נישט קיין שטאַבס־אָפיצערשע?

טעקלא

אַ טאָכטער פון אַ סוחר דריטער גילדע, און אַזעלכע, וואָס אפילו אַ גענעראַל וואָלט זיך מיט איר נישט געקאָנט פאַר־שעמען. וועגן אַ סוחר וויל זי גאָרנישט הערן. „איך, זאָגט זי, דאַרף האָבן אַ מאַן דווקא אַ דוואָריאַנין, מעג ער אפילו זיין נישט אזאַ שיינער". היינט איר שיק! אַז זי טוט זיך זונטיק אָן אין זיידנס, רוישט עס — אַ פאַרגעניגן. אַן אמתע פירשטין.

פּאָדקאָלעסין

איך פרעג דיך דאָס דערפאַר, ווייל איך אַליין בין הויף־ראַט, איז מיר די זאַך... פאַרשטייסטו?

טעקלאַ

נו יאָ, ס'איז גאַנץ פשוט, פאַרוואָס זאָל איך נישט פאַר־שטיין? ס'איז ביי אונז אויך געווען אַ הויף־ראַט, אָבער מען האָט אים אָפּגעזאָגט, נישט געפעלן געוואָרן, אַ מאָדנע טבע האָט ער געהאַט. וואָס פאַר אַ וואָרט ער זאָל נישט זאָגן, איז עס ליגן. און פון אָנבליק איז ער געווען זייער אָנגעזען. וואָס קאָן מען טאָן. אַזוי האָט אים שוין גאָט באַשערט. ער וואָלט עס שוין אַליין נישט גערן געווען, אָבער ער קאָן נישט אויסקומען אָן ליגן; ס'איז שוין ביי אים אַ גאָט־זאַך.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

נו, און אַ חוץ דער דאָזיקער איז שוין קיין אַנדערע נישטאָ?

ט ע ק ל אַ

וועלכע דאַרפסטו נאָך? קיין בעסערע ווי די איז שוין נישטאָ.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

כלומרשט די סאַמע בעסטע׳

ט ע ק ל אַ

מעגסט אפילו גיין איבער דער גאַנצער וועלט, וועסטו אַזאַ נישט געפינען.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

מיר וועלן אַ טראַכט טאָן, מומעניו... קום אָקאָרשט אַריין איבערמאָרגן, מיר וועלן, פאַרשטייסטו מיך, אויף ס׳ניי אָט אַזוי... פונקט ווי היינט... איך וועל מיר ליגן און דו וועסט דערציילן...

ט ע ק ל אַ

אָבער זיי מוחל. שוין דעם דריטן חודש, ווי איך גיי צו דיר און קיין ברעקל תכלית איז נאָך נישט אַרויסגעקומען: זיצט אַלץ אין כאַלאַט און פיפקעט זיך די ליולקע.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

און דו מיינסט זיך, אפנים, אַז חתונה האָבן איז אַלץ-איינס ווי אַ שטייגער: — „עי סטעפאַן, דערלאַנג נאָר די שטיוול!” אָנגעטאָן אויף די פיס און אַוועק? מען דאַרף אַרומקלערן, אַרומקוקן.

טעקלאַ

נו מילא, אויב קוקן, טאָ קוק. אויף דעם איז עס דאָך סחורה, כדי צו קוקן. אַט הייס זיך דערלאַנגען דעם בגד. איצט איז דאָך אַ ווילער פּרימאָרגן, נעם טו אַ פּאָר.

פּאָדקאָלעסין

איצט? זעסט דאָרט ווי פֿאַרוואָלקנט עס איז. כ׳וועל אַרויספּאָרן און אין מיטן וועט כאַפּן אַ רעגן.

טעקלאַ

איז פּאַר דיר ערגער! ביי דיר אויפֿן קאָפּ ווייזט זיך דאָך שוין גרויע האָר. איינגיכן וועסטו אינגאַנצן שוין נישט טויגן פּאַר אַ מאַן. נישט געזען גאָר קיין הויפּ=ראַט! נישקשה, מיר וועלן נאָך געפינען אַזעלכע חתנים, אַז מיר וועלן אויף דיר נישט וועלן אַ קוק טאָן.

פּאָדקאָלעסין

וואָס פּלוידערסטו. וואָס איז דיר פּלוצלונג איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז כ׳האָב שוין גרויע האָר? ווו איז דיר גרויע האָר? טאַפּט זיך די האָר

טעקלאַ

ווי קאָן עס נישט זיין קיין גרויע האָר. אויף דעם לעבט דאָך דער מענטש. וואַרט, וואַרט. די געפעלט אים נישט, יענע שמעקט אים נישט. האָב איך אויפֿן אויג אַ קאַפּי=טאַן, דערגרייכסטו אים נישט אפילו ביז צום אַקסל. ריידן רעדט ער ווי אַ טרומייט אין פֿלאָט דינט ער.

פּאָדקאָלעסין

דו ליגסט. איך וועל אַ קוק טאָן אין שפּיגל. ווו האָט זיך דיר געחלומט גרויע האָר? עי סטעפּאַן, ברענג אַריין

דעם שפּיגל! אָדער ניין, שטיי, איך וועל אַליין גיין. אַ שיינער עסק, גאָט זאָל אויסהיטן. דאָס איז נאָך ערגער פון פּאָקן. *גיפ אין אנדער צימער*

ניינטע סצענע.

טעקלאַ און קאַטשקאַרעוו *אריינלויפנדיק*

קאַטשקאַרעוו

נו, פּאָדקאָלעסין?... *דערזעענדיק טעקלען* דו ביסט דאָ גאָר? עך דו!... הער נאָר דו, צו וואָסער טייוול האָסטו מיך חתונה געמאכט?

טעקלאַ

וואָס פאַר אַ בייז? האָסט דערפּילט אַ דין.

קאַטשקאַרעוו

אַ דין דערפּילט! ס'אַראַ מציאה—אַ ווייב! אָן איר האָב איך זיך דען נישט געקאָנט באַגיין?

טעקלאַ

דו ביסט דאָך אַליין צו מיר צוגעשטאַנען: מאַך מיך, באָבעניו, חתונה; מאַך מיך חתונה!

קאַטשקאַרעוו

עך דו אַלטע תּפלה!... נו, און וואָס טוסטו דאָ? צי דען וויל פּאָדקאָלעסין?...

טעקלאַ

וואָס אי', גאָט האָט געשיקט אַ מזל=ברכה.

קאַטשקאַרעוו

אַזוי גאָר? עך ס'אַראַ חברה=מאַן, ער האָט דאָך מיר קיין ווערטל וועגן דעם נישט געזאָגט! וואָס ער איז! אַ סוד=זאַך גאָר? אַ?

צענטע סצענע.

דיזעלבע. פּאָדקאַלעסין מיט אַ שפּיגל אין האַנט, אין וועלכן ער קוקט אַריין זייער אויפמערקזאַם

קאָטשקאַרעוו

אונטערגעבנדיק זיך פון הינטן, שרעקט אים איבער

פּוף!

פּאָדקאָלעסין

אַ געשריי טוענדיק און אײַנלאָזנדיק דעם שפּיגל

משוגענער! נו, נאָך וואָס... נאָך וואָס... וואָס פּאַסטן די שטותערייען! האָסט מיך באמת אַזוי איבערגעשראָקן, אַז די נשמה איז מיר שיר נישט אַרויסגעפלויגן.

קאָטשקאַרעוו

נו, בלאָטע, כ'האָב אַ שפּאַס געמאַכט.

פּאָדקאָלעסין

וואָס פאַר אַ שפּאַס האָסטו אויסגעקלערט! ביז איצט קאָן איך נאָך צו זיך נישט קומען פון שרעק. און דער שפּיגל איז צושמעטערט געוואָרן; ס'איז דאָך נישט קיין געשענקטע זאַך. אין ענגלישן מאַגאַזין איז עס געקויפט געוואָרן.

קאָטשקאַרעוו

נו, גענוג שוין; כ'וועל דיר אויסזוכן אַן אַנדער שפּיגל.

פּאָדקאָלעסין

יאָ, וועסט אויסזוכן. כ'קען זיי, די אַנדערע שפּיגלען: מיט אַ גאַנצן צענדליק ווייזן זיי עלטער, און די צורה קומט אַרויס אויסגעקרימט.

קאָטשקאַרעוו

הער נאָר אָקאָרשט, איך וואָלט געדאַרפט אויף דיר מער בייז זיין: פון מיר, פון דיין בעסטן פריינט, פאַרבאָרגסטו

אָלכד:נג. דו גייסט דאָך חתונה האָבן.

פּאָדקאָלעסין

אַ עיינע נאַרישקייט. כ׳האָב עס גאָרני:שט געקלערט.

קאָטשקאַרעוו

אָט האָסטו דיר אַן אמתן באַווייז חיזט אויף טעקלען אָט שטייט דאָך דער באַקאַנ:ער פויגל. נו, מילא, קיין בייז ני:שט, ס׳שאַדט נישט. ס׳שטעקט נישט אי:ן דעם קיין סכנה. דער ענין אי:ז אַ קרי:סטלעכער און ס׳אי:ז אפילו נויטי:ק פאַרן פאָטערלאַנד; מעגסט עס טאָן, איך נעם אויף זי:ך. צו טעקלען נו, דערצייל: ווי:, וואָס און אַזוי ווייטער: אי:ז זי: אַ דוואָריאַנקע? אַ באַאַמטין, צי גאָר פון סוחרטום, און ווי: הייכט זי:?

טעקלאַ

אַגאַטאַ טי:כאָנאָוואַ.

קאָטשקאַרעוו

אַגאַטאַ טי:כאָנאָוואַ בראַנדאַכלי:סטאָוואַ?

טעקלאַ

כ׳הייבט זי:ך נישט אָן—קופּערדיאַגינאַ.

קאָטשקאַרעוו

וווינט זי ני:שט אַמאָל אין דעם זעקס=קרעמלדי:קן=געסי:ל?

טעקלאַ

ס׳הייבט זיך ני:שט אָן; ס׳אי:ז נענטער צו פּעסקי:, אי:ן מילני=געסל.

קאָטשקאַרעוו

נו, יאָ, אין מי:לני:=געסל, באַלד נאָכן געוועלבל—אַ הי:ל=צערן הויז?

טעקלאַ

נישט נאָכן געוועלבל, נאָר נאָכן בי:ר=קעלער.

קאָטשקאַרעוו

ווי: קומט עס נאָכן בי:ר=קעלער, אָט דאָ פאַרשטיי אי:ך

ניִשט.

טעקלאַ

פֿאַרשטייסטו, אַז דו דרייסט זיך אַריין איִן פּראָוואָק, ווערסטו גלייך האָבן אַ ביידל; און אַז דו מיידסט דאָס ביידל, קער זיך לינקס, האָסטו עס פֿאַרן סאַמע נאָז, ס'הייסט, טאַקי אונטערן נאָז, האָסטו אַ הילצערן הויז, ווו עס וווינט אַ נייטאָרין, וועלכע האָט פֿריִער געלעבט מיטן אויבער־סעקלעכטאַר פֿון סענאַט. צו דער דאָזיקער נייטאָריִן גיי נישט אַריין, נאָר באַלד נאָך איר וועט זיין אַ צווייט הויז, אַ מויער, און אָט דאָס דאָזיקע הויז איז איִרס, איִן וועלכן, ס'הייסט, זיִ וווינט, דיִ אַגאַטאַ טיִכאָנאָוואַ, דיִ כלה.

קאָטשקאַרעוו

גוט, גוט; איִצט וועל איִך אַלץ ערלעדיִקן; און דו נעם דעם דרך—דיִך דאַרף מען דאָ מער נישט.

טעקלאַ

וואָס אַזוינס? צו דען ווילסטו אַליין אויספירן אַ שידוך?

קאָטשקאַרעוו

אַליין, אַליין; דו מיִש זיך נאָר ניִשט אַריין.

טעקלאַ

דו אָן־חרפּהניִק איינער! דאָס איז דאָך ניִשט קיין עסק פֿאַר אַ מאַנסביִל. פֿאַרדריי זיִך ניִשט קיין ספּאָדיִק.

קאָטשקאַרעוו

גיי, גיי זיִך! הייבסט ניִשט אָן צו פֿאַרשטיין. מיִש זיִך נישט. קריִך ניִשט, ווו מ'רופֿט דיִך ניִשט. טראָג זיִך פֿון דאַנען!

טעקלאַ

ווי קענסטו עס ביי מענטשן דאָס ברויט צונעמען, האַר־טער מענטש דו! איִן אַזאַ בלאָטע האָט ער זיִך אַריינגע־מיִשט. ווען איִך ווייס, וואָלט איִך דאָך אַ וואָרט ניִשט

עלפּטע סצענע.

פּאָדקאָלעסין און קאָטשקאַרעוו.

קאָטשקאַרעוו

נו, ברודער, דעמדאָזיקן עסק טאָר מען ניט אָפּלייגן— לאָמיר פאָרן.

פּאָדקאָלעסין

אָבער איך ווייס נאָך אַליין נישט. כ׳האָב סתם געקלערט...

קאָטשקאַרעוו

נאַרישקייטן, נאַרישקייטן! נאָר קרעמפּיר זיך נישט: כ׳וועל דיך אַזוי חתונה מאַכן, אַז דו וועסט אפילו נישט הערן. די רגע פאָרן מיר צו דער כלה און דו וועסט זען ווי שנעל עס וועט ווערן.

פּאָדקאָלעסין

וואָס נאָך! גלייך גיין פאָרן?

קאָטשקאַרעוו

פאַרוואָס זשע, טייערער, פאַרוואָס זשע נישט?... נעם טו אַליין אַ קוק: וואָס קומט שוין אַרויס פון דעם, וואָס דו ביסט נישט קיין באַווייבטער? טו אַ קוק אויף דיין צימער: נו, וואָס איז אין אים פאַראַן? דאָרט שטייט אַ נישט-געפּוצטער שטיוול, דאָרט אַ וואַש-שיסל, דאָ אַ גאַנצע קופּע טאַבאַק אויפן טיש, און דו אַליין אָט ליגסטו, ווי אַ פוילע קאַץ גאַנצענע טעג אויפן אויוון.

פּאָדקאָלעסין

דאָס איז אמת. קיין אָרדנונג, ווייס איך אַליין, איז ביי מיר נישטאָ.

קאָטשקאַרעוו

נו, און אַז דו וועסט האָבן אַ ווייב, וועסטו פּשוט זיך

אַליין און קיין זאַך ניִשט דערקענען: דאָ וועט ביי דיִר שטיין אַ דיִוואַן, אַ היִנטל, אַ וועלכער עס איִז פויגל איִן אַ שטייגל, האַנט־העפּטעריי... און שטעל זיִך פאָר, דו זיצסט אויפן דיִוואַן—און פּלוצלונג זעצט זיִך נעבן דיר צו אַ ווייבעלע, אַזאַ ווילינקע, און מיִטן הענטל וועט זי דיִך...

פ אָ ר ק אָ ל ע ס י ן

צו אַלדי רוחות, אַז דו טוסט טאַקי אַ קלער וואָסערע הענטלעך זיינען איִן דער אמתן פאַראַן; ברודער, ווייסינ־קע ווי מילך.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו

און דאָס גאָר? דאָס גאַנצע, מיינסטו, זיינען נאָר די הענטלעך?... זיי פאַרמעגן, ברודער... נאָר וואָס איז פאַראַן צו ריידן: דער רוח ווייסט, וואָס פאַרמעגן זיי, ברודער, ניִשט.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

אויסזאָגן דיִר דעם אמת, איִך האָב טאַקי ליב, אַז עס זיצט נעבן מיר אַ שיינינקע.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו

נו, זעסטו, האָסט עס אַליין פאַרשטאַנען. איצט דאַרף מען זיִך נאָר נעמען צו דער אַרבעט. דו זאָרג שוין ניִשט וועגן קיין זאַך. דאָס חתונה־מאָלצייט און דאָס איִבעריקע—דאָס אַלץ וועל איִך שוין אַליין... ווייניקער ווי אַ טוץ שאַמפּאַניער, ברודערל, קאָן גאָר נישט זיין. ס׳וועט ניִשט העלפן. מאַדעראַ מוז מען אויך האָבן אומ־באַדינגט אַ האַלבע טוץ פלעשער. די כלה מוז אוודאי האָבן אַ גאַנצע קופּע מומעס מיט כלערליי נאָכטאַנצער־קעס—די דאָזיקע האָבן פיינט חכמות. און ריינוויין—כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער, נישט אמת? אַ? און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם מיִטאָג—האָב איך, ברודער, אויפן אויג

אַן הויף=אָפּיציאַנט: וועט ער, כּלב, געבן אַזוי אָנ=
צופּרעסן זיך, אַז דו וועסט פּראָסט נישט אויפשטיין.

פּאָדקאָלעסין

הער נאָר, דו נעמסט זיך צו דעם אַזוי הייס, גלייך
ווי די חתונה דאַרף שוין אין דער אמתן זיין.

קאָטשקאַרעוו

פאַרוואָס זשע נישט? נאָך וואָס אָפּלייגן? דו ביסט דאָך
מרוצה?

פּאָדקאָלעסין

איך? נו, ניין... איך בין נאָך נישט אינגאַנצן מרוצה.

קאָטשקאַרעוו

נאַ דיר גאָר! האָסט דאָך נאָר=וואָס דערקלערט, אַז דו
ווילסט.

פּאָדקאָלעסין

איך האָב נאָר געזאָגט, אַז עס וואָלט נישט שלעכט
געווען.

קאָטשקאַרעוו

ווי? וואָס=זשע רעדסטו? מיר האָבן דאָך שוין די גאַנצע
זאַך געהאַט... וואָס ווידער? צי דען געפעלט דיר נישט
אַ באַווייבט לעבן, צי וואָס?

פּאָדקאָלעסין

ניין, מיר געפעלט.

קאָטשקאַרעוו

נו, איז וואָס? פאַרוואָס האַלטסטו זיך אָפּ?

פּאָדקאָלעסין

איך האַלט זיך גאָר נישט אָפּ. ס'איז אָבער משונהדיק.

קאָטשקאַרעוו

וואָס איז דאָ משונהדיק?

פּאָדקאָלעסין

ווי איז עס נישט משונהדיק? געווען כּסדר אַ נישט=

באַווייבטער, און איצט פלוצלונג האָב חתונה.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

נו, נו... איז דיִר ניִשט קיין הרפה און קיין שאַנד. ניין, איִך זע, אַז מיִט דיר דאַרף מען ריידן ערנסט: איִך וועל זאָגן אָפֿנהאַרציק ווי אַ פֿאָטער צו אַ זון. נו, זע. טו אַ בליִק אויף זיִך אויפֿמערקזאַם, אָט אַזוי, אַ שטייגער, ווי דו קוקסט אויף מיִר. נו, וואָס ביִסטו איִצט אַזעלכעס? פּראָסט, אַ שטיִק האָלץ דאָך. קיין שום באַטייטונג האָסטו ניִשט. און צו וואָס לעבסטו? נו, גיב אַ קוק אין שפּיגל—וואָס זעסטו דאָרט? אַ נאַריש פּנים, מער גאָרניִשט. און דאָ, שטעל זיִך פֿאָר, וועלן זיין נעבן דיִר קיִנדערלעך, און טאַקי נישט צוויי צי דריי, נאָר, קאָן זיין, אַ גאַנצע האַלבע טוץ, און אַלע וועלן זיין געראָטן איִן דיר ווי צוויי טראָפּן וואַסער. דו ביִסט איצט אַליין, אַ הויף־ראַט, אַן עקספּעדיִטאָר, צי עפּעס דאָרט אַן עלטסטער, גאָט ווייסט דיִך וואָס; און דאַן שטעל זיִך פֿאָר, וועלן זיך דרייען אַרום דיִר עקספּעדיטאָרלעך, אַזעלכע קליינינקע ווייסע־חברהניקעס, און עפּעס אַ קליינער בעבזיִקל, אויסציִענדיִק די הענטלעך, וועט דיִך צופּן פֿאַר די באַקנבאַרדן, און דו וועסט איִם נאָר מאַכן הינטיש: „האַוו, האַוו, האַוו!“ נו, איִז דען פֿאַראַן עטוואָס בעסערס פֿון דעם, זאָג אַליין?

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס יִ ן

זיי זיינען דאָך אָבער גרויסע שטיפֿערס: זיי וועלן אַלץ קאַליע מאַכן, צעוואַרפֿן די פּאַפּיִר!

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

זאָלן זיי שטיִפֿן, זיי זיינען דאָך אַלע איִן דיִר געראָטן. דאָ שטעקט דאָך די קונץ.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס יִ ן

יאָ, ס'איז טאַקי אין דער אמתן לעבערלעך, כאַפּט עס

דער רוח; אָט אַזאַ מײַן פּיצל, אַזאַ הינטל—און שוין איז עס אײַן דיר געראָטן.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

וואָס הייסט נישט לעכערלעך,—געוויס איז עס לעכערלעך.
נו, לאָמיר פאָרן.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

גוט, לאָמיר פאָרן.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

עי סטעפּאַן! דערלאַנג שנעלער דיין הער צום אָנטאָן זיך.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

אנטועגדיק זיך פאַרן שפּיגל.

איך מיין פונדעסטוועגן, אַז מען דאַרף אין ווייסן זשילעט.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

נאַרישקייטן! אַלצאיינס.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

אָנטועגדיק דעם קאָלנער

פארפלוכטע וועשין. אַזוי מאוס אָנגעקראָכמאַלעוועט די קאָלנערס. ווילן בשום אופן נישט שטיין. דו זאָג איר, סטעפּאַן, אַז ווען זי וועט, די בהמה, אַזוי פרעסן די וועש, וועל איך דינגען אַ צווייטע. זי מוז מסתמא פאַרברייגגען די צייט מיט ליבהאָבערס, איידער צו פרעסן.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

שנעלער, ברודער, שנעלער! ווי דו גריבלסט זיך!

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

באַלד, באַלד. טוט אָן דעם פראַק און זעצט זיך אַנידער הער נאָר, איליאַ פאָמיטש. ווייסטו וואָס? פאָר נאָר דו אַליין.

קאָטשקאַרעוו

וואָס נאָך? ביסט דען פון זינען אַראָפּ? איך זאָל פאָרן?
ווער פון אונז האָט חתונה: דו, אָדער איך?

פּאַדקאָלעסין

עס ווילט זיך עפּיס נישט; בעסער מאָרגן.

קאָטשקאַרעוו

נו, פאַרמאָגסטו אין זיך אַ טראָפּן שכל? ביסטו נישט קיין שוטה? האָט זיך מיט אַלעם אויסגעקליבן—און פּלוצלונג מען דאַרף נישט! נו, זאָג אַליין, איך בעט דיך, ביסטו נישט קיין דבר-אחר? ביסטו נישט קיין מנוול נאָך אַלעם דעם?

פּאָדקאָלעסין

וואָס זידלסטו זיך? פאַרוואָס, פאַרווען? וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטאָן?

קאָטשקאַרעוו

שוטה, שוטה בן פּיקהאָלץ! דאָס וועט דיר יעדער זאָגן. נאַריש, פּשוט נאַריש, כאָטש אַף עקספּעקטאָר. וואָרום וועגן וואָס בין איך זיך אַזוי מתעסק? צוליב דיין טובה וועגן. מ׳וועט דאָך דאָס ביסן פון מויל אַרויסכאַפּן. ער [illegible] פאַרשוואַלטענער בחור! נו זאָג אַליין, איך בעט דיך, וואָס [illegible] פּנים [illegible]. שלים-מזל, אַ קבצן, [illegible] אַ וואָרט, ס׳איז, אָבער נישט אַנשטענדיק. [illegible] „באַבעצע“ נאָך [illegible] פון אַ „באַבעצע“!

פּאָדקאָלעסין

אַ שיינער חכם, כ׳לעבן! ביסט חסר דעה, דאָ שטייט אַ דינער, און ער זידלט זיך פאַר אים, און [illegible] און גאָר מיט וועלכע ווערטער; ער האָט קיין אַנדער אָרט נישט געפונען!

קאָטשקאַרעוו

ווי קאָן מען זיך נישט זידלען, זאָג מיר, איך בעט דיך?

וועך קאָן, דיך נישט זידלען? ווער וועט ביי זיך פועלן דיך נישט צו זידלען? ווי אַ לייטישער מענטש האָסטו זיך אַנטשלאָסן חתונה צו האָבן, געפּאָלגט וואָס דער שכל הישר זאָגט און מיט אַמאָל—דער מח האָט זיך אים פאַרדרייט, מיט סם־קרייטעכצער זיך אָנגעפּרעסן, הילצערנער קאָפּ!

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

נו, גענוג שוין, איך פאָר—וואָס האָסטו זיך צושריען?

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו

איך פאָר! געוויס, וואָס קאָן מען אַנדערש טאָן אויב נישט פאָרן! צו סטעפּאַנען דערלאַנג אים דעם הוט און דעם שינעל.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

(אין טיר)

ס'אַראַ מאָדנער מענטש דאָס איז. מיט אים טאָר מען נישט האָבן צו טאָן: פלוצלונג קאָן ער פין העלער הויט אויסזידלען. ער פאַרשטייט קיין שום באַנעמונג נישט.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו

נו, געענדיקט, איצט וועל איך נישט זידלען בײדע אָפּ

צוועלפטע סצענע.

צ ו ו י י ט ע ס ב י ל ד.

אַ צימער אין הויז פון אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ וואַרפט־אויס אין קאָרטן, דערנעבן קוקט זיך צו די מומע אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָוונאַ

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו נ אַ

ווידער, מומעניו, אַן ענין! עס אינטערעסירט זיך עפּעס אַ מלך־אייכל... טרערן... אַ ליבע־בריוו; פון דער לינקער זייט ווייזט דער מלך־גרין אַרויס גרויס אינטייל, נאָר עפּעס אַ חצופה שמערט.

אַרינאַ פּאַנטעלייעמאָנאָוונאַ

אוּן ווער, מײנסטוּ, קאָן זײן דער מלך־גרין?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

איך ווייס ניִשט.

אַרינאַ פּאַנטעלייעמאָנאָוונאַ

און איך ווייס ווער.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ווער?

אַרינאַ פּאַנטעלייעמאָנאָוונאַ

אַ גוּטער סוחר פוּן דער טוּך־בראַנזשע, אַלעקסיי דמיט־ריעוויטש סטאַריקאָוו.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

נו, דאָס שוין אויף זיכער, אַז נישט ער, איך קאָן אפילו גיין אין געוועט, אַז נישט ער.

אַרינאַ פּאַנטעלייעמאָנאָוונאַ

שפּאַר זיך נישט, אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ, פּונקט אַזאַ בלאָנד־האָריקער. נישטאָ קיין אַנדער מלך־גרין.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

דווקא ניין: מלך־גרין הייסט דאָ אַ דוואָריאַנין—אַ סוחר איז נאָך ווייט פון מלך־גרין.

אַרינאַ פּאַנטעלייעמאָנאָוונאַ

עך, אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ, וואָלסט עס בשום אופן נישט גערעדט, ווען דער געשטאָרבענער טיכאָן, דיין טאַטע, פּאַנטעלייעמאָנאָוויטש, וואָלט נאָך געלעבט. עס פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט מיט זיינע פינף פינגער אַ קלאַפּ טאָן אין טיש און אַ געשריי טאָן: „איך שפּיי, זאָגט ער, אויף יענעם, וועלכער שעמט זיך צו זיין אַ סוחר: כ׳וועל דאָך מיין טאָכטער, זאָגט ער, פאַר אַ פּאָלקאָווניק נישט אויסגעבן. זאָלן עס אַנדערע טאָן. און דעם זון, זאָגט ער, וועל איך נישט געבן דינען. וואָרום,

זאָגט ער, צי דען דינט אַ סוחר ניִשט דעם קיסר אַקוּ-
ראַט ווי אַ יעדער אַנדערער?״ אָט מיט די גאַנצע פּינף
פינגער פלעגט ער אַזוי נעמען זעצן אין טיש אַריין.
און זיין האַנט איז ווי אַן עמער גרויס געווען—סכנות
נפשות! וואָרום, דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער דאָך דיין
מאַמען דאָס לעבן פאַרביטערט די געשטאָרבענע וואָלט
נאָך געקאָנט לעבן לייגגער.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

נו, ווילסטו, אַז איך זאָל נאָך אויך האָבן אַזאַ שלעכטן
מאַן! כ׳וועל פּאַר קיין פּאַל ניִשט חתונה האָבן מיט קיין
סוחר!

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

אָבער אַלעקסיי דמיטריעוויטש איז ניִשט אַזעלכער.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

איך וויל ניִשט! איך וויל נישט! ער האָט אַ באָרד! ער
וועט נעמען עסן, וועט אַלץ ריִנען איבערן באָרד. ניין,
ניין, איך וויל ניִשט!

אַרינאַ פּאַנטעלייִמאָנאָוונאַ

אָבער ווו קריגט מען אַ גוטן דוואָריאַנין? ווועסט דאָך
אים אויף דער גאַס ניִשט געפינען.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

טעקלאַ איוואַנאָוונאַ וועט אויסזוכן; זי האָט צוגעזאָגט,
אויסצוזוכן דעם סאַמע בעסטן.

אַרינאַ פּאַנטעלייִמאָנאָוונא

זי איז דאָך אָבער אַ שקרנטע, מיין טייערע.

דרייצענטע סצענע.

דיזעלבע. טעקלאַ.

טעקלאַ

פּע, חלשות, אַרינאַ פּאַנטעלייִמאָנאָוונאַ, אַן עבירה בחנם

פאַנאַנדערטראָגן רכילות.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַך, דאָס איז טעקלאַ איוואַנאָוונאַ! נו, וואָס הערט מען?
רייד, דערציילן! פאַראַן?

טעקלאַ

פאַראַן, פאַראַן, לאָז אָקאָרשט כאַפּן דעם אָטעם—זיך
אַזוי אָנגעטומלט! נאָך דיין קאָמיסיע נאָך בין איך אַלע
הייזער אויסגעגאַנגען, איבער קאַנצעלאַריעס, איבער מי-
ניסטערסטוועס זיך אומגעשלעפּט, אין קאַראַאולניעס פאַר-
קראָכן... ווייסטו, סערדצע-קרוין, מ'האָט מיך שיר נישט
געבראָכן די ביינער: די אַלטע, וואָס האָט חתונה גע-
מאַכט די אַפּעראָווס, איז צו מיר געהאַט צוגעשטאַנען
ווי אַ פּגע רע: „דו אַזוינע און אַזוינע, דאָס ברויט
רייסטו פון מויל אַרויס, היט דיין אייגענעם קוואַרטאַל",
זאָגט זי. „וואָס איז,—האָב איך איר תּיכּף געענטפערט:
זיי זשע נישט אין גרימצאָרן, פאַר מיין פרייליין בין
איך אויף אַלץ גרייט אַבי זי צופרידן צושטעלן". דער-
פאַר אָבער וואָס פאַר אַ חתנים כ'האָב פאַר דיר געפו-
נען! ס'הייסט, זינט די וועלט שטייט, איז נאָך אַזעלכעס
נישט געווען. נאָך היינט וועלן אַנדערע אַהערקומען.
כ'בין בכיון געקומען דיר אָנזאָגן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

וואָס הייסט היינט? דושעניו, טעקלאַ איוואַנאָוונאַ, כ'האָב
מורא.

טעקלאַ

שרעק זיך נישט, מיין קרוין! ס'איז אַ מענטשלעכע זאַך.
זיי וועלן קומען, זיי וועלן אַ קוק טאָן און מער גאָר-
נישט. און דו וועסט זיי אויך זען: וועלן זיי נישט גע-
פעלן ווערן—מילא, וועלן זיי אַוועקפאָרן.

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָוונאַ

איך מיין, אַז זי וועט אַראָפּבריינגען גאַנץ פּיקנע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

וויפּיל זיינען זיי פֿאַראַן? אַ סך?

טעקלאַ

פֿאַראַן אַ מאַן זעקס.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

שרייט אויס

אָהאָ!

טעקלאַ

וואָס ביסטו געוואָרן אַזוי אויפגעציטערט, קרוין מיינע! בעסער איז צום אויסקלייבן: וועט איינער נישט פּאַסן, וועט דער צווייטער געפעלן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

וואָס זיינען זיי, דוואָריאַנעס?

טעקלאַ

אַלע ווי איינער; אַזעלכע דוואָריאַנעס, וואָס אַזוינע זיינען נאָך נישט געווען.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

נו, וועלכע, וועלכע?

טעקלאַ

ס'אַראַ ווילע! אַלע אַזעלכע פיינע, קנאַקעדיקע. דער ערשטער, באַלטאַזאַר באַלטאַזאַראָוויטש זשעוואַקין, אַזאַ ווילער מאַן, ער אין פלאָט דינט ער—וועט פּונקט דיר זיין צום האַרצן. ער זאָגט, אַז ער דאַרף, די כלה זאָל זיין געזונט דיק און צוגעבראָטענע האָט ער נישט ליב. נו, און איוואַן פּאַוולאָוויטש, וואָס דינט אַלס עקזעקוטאָר, דאָס איז אַזאַ וויכטיקער מענטש, אַז מען קאָן גאָר צו אים נישט אָנקומען. זעט אויס אַזוי פיין, אַ דיקער; אַז ער טוט צו מיר אַ געשריי: דו פּלוידער מיר נישט קיין

סך, אַז די כּלה איִז אַזאַ אָדער אַן אַנדערע, דו זאָג מיִר תּיכּף מכּה נדן, וויִפּיִל פֿאַרמאָגט זיִ באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע?—„אַזוֹי פּיִל און אַזוֹי פּיל, מיין טייִ=ערער!"— „דו לייגסט, היִנטיִשע זעל!"—און אַגב האָט ער נאָך אַריינגעהאַקט אַזאַ מין וואָרט, וואָס ס'איִז אַ בושה דיִר צו זאָגן. איך האָב גלייך דיִ רגע דערקענט: ע, דאָס מוז זיין אַ וויִכטיִקע פּערזאָן!

אַגאַטאַ טיִכאָנאָוונאַ

נו, און ווער נאָך?

טעקלאַ

היינט ניִקאַנאָר איִוואַנאָוויִטש אַנוטשקיִן. דאָס איִז גאָר אַ וועליקאַטנער מענטש, און דיִ ליִפּן, קרוֹין מיינע, זיינען בּיי אים ווי מאַליִנעס—אמתע מאַליִנעס— אַזאַ ווויִלער. איך וויִל, זאָגט ער, אַז דיִ כּלה זאָל זיין נישקשהדיק שיין, אַן ערצוֹיגענע, זיִ זאָל קאָנען ריידן פראַנ=צוֹיזיִש. יאָ, יאָ, דאָס איז אַ מענטש מיִט אַ פֿיינער אוֹיפֿפֿיִרונג. אַ שטיק דייטש! היינט פּיִסלעך האָט ער שמאָלינקע, דיִניִנקע.

אַגאַטאַ טיִכאָנאָוונאַ

ניין, ניין, דידאָזיִקע סובטילע געפֿעלן מיִר עפּעס ניִשט איִבּעריִגס... כ'ווייס ניִשט... איך זע איִן זיי גאָרניִשט.

טעקלאַ

וויִבאַלד דו וויִלסט אַ דיקערן, טאָ נעם איִוואַן פּאַוולאָ=וויִטשן. קיין בּעסערן קאָן מען שוֹין ניִשט אוֹיסקלייבן. יענער, בּ"ה, איז שוֹין איינמאָל אַ פּערזאָן: ער גייט קוֹים אַדורך דורך די טיִר—אַזאַ זיידענער מענטש.

אַגאַטאַ טיִכאָנאָוונאַ

וויִפּיל יאָר איִז ער אַלט?

טעקלאַ

נאָך אַ יונגער מענטש: אַ יאָר פופֿציִג, און אפֿשר נאָך

דאָס אויך נישט.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

און זיין פֿאַמיליע ווי איז?

טעקלאַ

זיין פֿאַמיליע: איוואַן פּאַוולאָוויטש יאַיטשניצאַ.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

דאָס איז אַזאַ פֿאַמיליע?

טעקלא

אַ פֿאַמיליע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונא

אַך, גאָט מיינער, ס'אַראַ פֿאַמיליע! הער נאָר, טעקלע-לעבן, ווי וועט עס אויסזען, אויב איך וועל מיט אים חתונה האָבן און וועל הייסן אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ יאַיטשניצאַ? גאָט ווייס, וואָס דאָס איז אַזעלכעס!

טעקלאַ

קרוין מיינע, אין רוסלאַנד זיינען פֿאַראַן אַזעלכע צונע-מען, אַז דו וועסט נאָר אַ שפּיי טאָן און זיך איבער-צלמען, ווען דו וועסט זיי דערהערן. ווייסטו גאָר וואָס, אויב דער צונאָמען געפֿעלט דיר נישט, טאָ נעם זשע באַלטאַזאַר באַלטאַזאַראָוויטש זשעוואַקינען, אַ פֿיינער התן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

און וואָס פֿאַר אַ האָר האָט ער?

טעקלאַ

גוטע האָר.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

און וואָס פֿאַר אַ נאָז?

טעקלאַ

ע... און דער נאָז איז אַ גוטער; אַלץ איז אויף אַן אָרט; און אַליין איז ער זייער אַ ווױלער מענטש. נאָר זיי נישט בייז: ביי אים אין ווױנונג שטייט בלויז אַ

קוימען, מער איז קיין זאַך נישטאָ, קיין שום מעבל.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

און נאָך ווער?

טעקלאַ

אַקינף סטעפּאַנאָוויטש פּאַנטעלייעוו, אַ באַאַמטער, אַ טיטוליאַר־ראַט, פֿאַרהיקעט זיך אַביסל, אָבער דערפֿאַר אַזאַ באַשיידענער.

אַרינאַ פּאַנטעלייִמאָנאָוונאַ

וואָס האַקסטו אַלץ: אַ באַאַמטער, אַ באַאַמטער; צי דען האָט ער נישט ליב דעם טרונק, אַ שטייגער, זאָג מיר אָקאָרשט?

טעקלאַ

נו טרינקט ער, כ׳וועל דיר נישט אָפּלייקענען. וואָס קען מען מאַכן, — איז ער דאָך אַ טיטוליאַר־ראַט! דערפֿאַר איז ער אַזאַ שטילער ווי זייד.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ניין, ניין, איך וויל נישט, אַז מיין מאַן זאָל זיין אַ שכּור.

טעקלאַ

ווי דו ווילסט, קרוין מיינע! ווילסט נישט דעם, טאָ נעם אַן אַנדערן. איבעריגנס, וואָס פֿאַר אַ בייז, אויב ער מאַכט ווען אַ איבעריקע כּוסע? נישט די גאַנצע וואָך איז ער דאָך שכּור: טרעפֿט אַ טאָג, אַז ער איז ניכטער.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

נו, און ווער נאָך?

טעקלאַ

פֿאַראַן נאָך איינער, אָדער יענער איז עפּעס אַזאַ... לאָז אים צו רו! די דאָזיקע זיינען מער גלאַטיק.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

נו, טאָ ווער איז ער?

טעקלאַ

ס׳וואָלט זיך אַפילו נישט געוואָלט ריידן וועגן אים. ער איז, דעם אמת, אַ הויף־ראַט און טראָגט בענדלעך, אָבער ער איז זייער שווער אויפן גאַנג, מען קאָן אים פון שטול נישט אַרויסנאַרן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

און נאָך ווער? דאָ זיינען דאָך נאָר פינף און די האָסט געזאָגט זעקס.

טעקלאַ

צי דען איז דיר נאָך ווייניק? זע נאָר ווי ס׳האָט זי מיטאַמאָל אָנגענומען אַ חשק? פריער האָסטו זיך דאָך געהאַט דערשראָקן!

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

וואָס קומט אַרויס פון זיי, פון די דוואָריאַנעס דיינע? כאָטש דו האָסט זיי גאַנצע זעקס, אָבער איין סוחר וועט באַשטיין פאַר צוועלף.

טעקלאַ

אָ ניין, אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ, אַ דוואָריאַנין וועט זיין מער בכבודיק.

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

וואָס טויג מיר אַ דוואָריאַנין? אָט אַז אַלעקסיי דמיטריעוויטש, אין אַ סויבל־היטל, טוט זיך אַ לאָז אין אַ שליטל...

טעקלאַ

און אַ דוואָריאַנין אין עפּאָלעטן קומט אָן אַנטקעגן און זאָגט: „וואָס ווילסטו, קרעמערל? קער אָפּ פון וועג!" אָדער: „ווייז נאָר, קרעמערל, עפּעס סאַמעט פון בעסטן סאָרט!" און דער סוחר: „ביטע, ביטע, דוואָריאַנין!" — „און דאָס היטל נעם אָקאָרשט אַראָפּ, דו גראָבער יונג!" — אָט וואָס אַ דוואָריאַנין וועט זאָגן.

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָװנאַ

און דער סוחר, אויב ער װעט נישט װעלן, װעט ער נישט געבן קײן טוך; און דער דװאָריאַנין איז טאַקי דאַן אַ נאַקעטער און האָט נישט בהרפתו אין װאָס צו גײן.

טעקלאַ

װעט דער דװאָריאַנין גוט מכבד זײן דעם סוחר.

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָװנאַ

װעט דער סוחר זיך גײן קלאָגן אין פּאָליציי.

טעקלאַ

װעט דער דװאָריאַנין גײן אויפן סוחר צום סענאַטאָר.

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָװנאַ

און דער סוחר—צום גובערנאַטאָר.

טעקלאַ

און דער דװאָריאַנין...

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָװנאַ

דו לײגסט, דו לײגסט, דװאָריאַנין! דער גובערנאַטאָר איז גרעסער פֿונם סענאַטאָר. נעמט זיך שטאַרק איבער מיטן דװאָריאַנין. דער דװאָריאַנין ציט אויך ביי אַ געלעגנהייט דאָס היטל... אין טיר הערט זיך אַ קלונג ס׳קלינגט עמיצער.

טעקלאַ

אַהאַ, דאָס זײנען זײ!

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָװנאַ

װער? װער?

טעקלאַ

זײ... עמיצער פֿון די חתנים.

אַגאַטאַ טיכאָנאָװנאַ

שרײט אויס

אַך!

אַרינאַ פאַנטעלײמאָוונאַ

דערבאַרעמט זיך, הײליקע, איבער אונז זינדיקע!
אין צימער איז נאָך אינגאַנצן נישט אויפ־
גערוימט כאַפּט אַלץ, וואָס עס ליגט נאָר אויפן טיש און לויפט אי־
בערן צימער אָט דער סערוועט, דער סערוועט אויפן טיש
איז אינגאַנצן אַ שוואַרצער. דוניאַשקאַ! דוניאַשקאַ!
דוניאַשקאַ קומט אַרײַן שנעלער, אַ רײנעם סערוועט שלעפּט
אַראָפּ דעם סערוועט און דרײט זיך איבערן צימער

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַך, מומעניו, וואָס זאָל איך טאָן? כ׳בין כמעט אין אײן
העמד!?

אַרינאַ פאַנטעלײמאָנאָוונא

אַך, קרוין מײנע, לויף שנעלער זיך אָנטאָן! דרײט זיך
איבערן צימער; דוניאַשקאַ ברענגט אַ סערוועט; אין טיר קלינגט מען
לויף, זאָג: „באַלד!” דוניאַשאַ שרײט פון דערווײטנס באַלד.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

מומעניו, דאָס קלײד איז דאָך נישט אויסגעפּרעסט.

אַרינאַ פאַנטעלײמאָנאָוונאַ

אַך, גאָט מײנער האַרציקער, פיר נישט אַרײַן אין
בלאָטע!... טו אָן אַן אַנדערע.

טעקלאַ

אַרײַנלויפנדיק

וואָס פאָרעט איר זיך? אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ, שנעלער,
קרויטעלע! עס הערט זיך דאָס גלעקל ווײ, ווײ, ער וואַרט דאָך
אַלץ!

אַרינאַ פאַנטעלײמאָנאָוונאַ

דוניאַשקאַ! פיר אים אַרײַן און הײס אים אויפוואַרטן דוניאַשאַ
לויפט אַרויס אין פאָרהויז און עפנט די טיר. עס הערן זיך שטימען: פאַראַן
אין שטוב? — פאַראַן, ביטע אין צימער. אַלע באַמיען זיך צו פאַר־
קוקן מיט נײַגעריקײט דורכן קליכל־לאָך.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

שרייט אויס

ךָ, ס׳אַראַ דיקער!

טעקלאַ

ער גייט, ער גייט! אַלע לויפן צוטומלט־אַיילנדיק.

פערצנטע סצענע.

איוואַן פּאַוולאָוויטש יאַיטשניצא און דוניאַשקאַ.

דוניאַשקאַ

וואַרט דאָ אויף. גייט אַוועק

יאַיטשניצאַ

ביטע, כ׳קאָן וואַרטן. וואָלט עס נאָר נישט פאַרציען זיך: כ׳האָב זיך דאָך אָפּגעריסן בלויז אויף אַ רגע פון דעפּאַרטאַמענט. פּלוצלינג קאָן דעם גענעראַל איינפאַלן: „ווו איז דער עקזעקוטאָר?“ — „איז אַוועק אַ כלה אָנקוקן...“ ער קאָן גוט אָנלערנען הערפאַר... פונדעסטוועגן, לאָמיר אָקאָרשט נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן דאָס צעטעלע... לייענט „אַ געמויערט צווייסטאָקיק הויז...“ הויבט די אויגן אין דער הויך און באַקוקט דאָס צימער פאַראַן! זעצט ווייטער פאָר דאָס לייענען „צוויי פליגלען: אַ פליגל אויף אַ שטיינערנעם פונדאַמענט, אַ הילצערנער פליגל... נו, דער הילצערנער איז נישט פויגלדיק. אַ דראָזשקע, אַ שליטל מיט שניצערייען אונטער אַ גרויסן און קליינעם טעפּיך־דעק. קאָן זיין אַזעלכע, וואָס טויגן שוין אויף כפרות. די אַלטע פאַרזיכערט פונדעסטוועגן, אַז דאָס איז גאָר פרימאַ. „צוויי טוץ זילבערנע לעפל...“ געוויס, פאַרן שטוב דאַרף מען האָבן זילבערנע לעפל. „צוויי פוקסן־פוטערס“... המ! „פיר גרויסע פוכענע קישנס און צוויי קליינע דריקט באַרייסנד צונויף די ליפּן זעקס פּאָר זייד־

דענע און זעקס פּאָר סיִצענע קליידער, צוויי נאַכט־קאַפּאָטן, צוויי...״ נו, דאָס איִז שוין אַ פּוסט אַרטיקל! „וועש. סטרוועטן...״ דאָס מעג שוין זיין, ווי זי וויִל. איִבעריגנס, מען דאַרף דאָס אַלצדיִנק נאָכזוען. איִצט טאַקי זאָגט מען צו אַ שטוב, מיִט עקיִפּאַזשן, און ווי נאָר דו האָסט חתונה, ווערסטו נאָר געפינען בלויז קישנס מיִט פעריִנעס. (עס הערט זיך ראָס גלעקל. דוניאַשקאַ לויפט איילנדיִק דורכן ציִמער צו עפענען די טיִר. עס הערן זיך שטימען:) פאַראַן אין שטוב?
— פאַראַן.

פּוֹפּצענטע סצענע.

איוואַן פּאַוולאָוויטש און אַנוטשקין.

ד ו נ י אַ ש ק אַ

וואַרט דאָ אויף. זיי וועלן אַרויסקומען. (גייט אַוועק. אַנוטשקין גריִסט זיך מיט יאַיִטשניִצאַן.)

י אַ יִ ט ש נ י צ אַ

גוט מאָרגן!

אַ נ ו ט ש ק י ן

האָב איִך עס דעם כבוד צו ריידן מיִטן פאַפּאַ פון דער שיינער בעלהביתטע?

י אַ יִ ט ש נ יִ צ אַ

ניין, ניין, ניִשט מיִטן פאַפּאַ, איִך האָב נאָך אַפיִלו קיין קיִנדער ניִשט.

אַ נ ו ט ש ק יִ ן

אַך, אַנטשולדיִקט, אַנטשולדיִקט!

י אַ יִ ט ש נ יִ צ אַ

(אין דער זייט)

די פיִזיאָנאָמיע פון דעמדאָזיקן פאַרשוין איִז מיִר עפּעס פאַרדעכטיִק: איִז ער אַמאָל ניִשט געקומען אַהער נאָך

דעמזועלבן, וואָס איך? אוּיפן קול איר דאַרפט מסתמא עפּעס האָבן צו דער בעל=הביתטע?

אַנוּטשקין

ניין, אַזוי... נישט ווייל איך דאַרף עפּעס האָבן, כ׳בין אַזוי אַריין פון שפּאַציר.

יאַיטשניצאַ

אָן אַ זייט

ער לייגט, ער לייגט, פון שפּאַציר גאָר! חתונה האָבן וויל ער, דער מנוול! עס הערט זיך דאָס גלעקל. דוניאשקאַ לויפט דורכן צימער עפענען די טיר, אין פאָרהויז שטימען: פאַראַן אי שטוב? — פאַראַן.

זעבצענטע סצענע.

דיזעלבע און זשעוואַקין אין באַגלייטונג פונם מיידל.

זשעוואַקין

צו דוניאשקען

כ׳בעט דיך, דושעניו, פוץ מיך אָפּ... אויף דער גאַס דאָרט האָט זיך אַ באַרג שטויב צוגעטשעפּעט, אָט דאָרט, כ׳בעט דיך, נעם אַראָפּ אַ שטויבל קערט זיך אום אַזוי, אַזוי! אַ דאַנק, דושעניו! אָט טו נאָך אַ בליק, דאָרט קריכט, דוכט, אַרום עפּעס אַ שפּין! און אויף די פאַלדן פון הינטן איז גאָר נישטאָ? אַ דאַנק, מיין טייערע! אָט דאָ נאָך שיינט מיר. גלעט מיט דער האַנט דעם אַרבל פון פראַק און קוקט אויף אַנוּטשקינען און איוואַן פּאַװלאָוויטשן. דאָס טוך איז דאָך ענגלישע. ווי עס טראָגט זיך גוט! אין 95=טן יאָר בעת אונזער עסקאַדרע איז געווען אין סיציליע, האָב איך עס געקויפט נאָך אַלס מיטשמאַן*) און האָב

*) מיטשמאַן — דער ערשטער ראַנג אין רוסישן פלאָט.

פֿון דעם זיך געגייט אַ מונדיר; אין יאָר 801, אין דער צייט פֿון פּאַוול פּעטראָוויטש, בין איך געוואָרן לייטענאַנט — און דאָס טוך איז נאָך געווען אײנגאַנצן שפּאָגל־ניי; אין יאָר 814 האָב איך געמאַכט אַן עקספּע־דיציע אַרום דער וועלט, און בלויז די נעט האָבן זיך אַביסל צעטרענט; אין יאָר 815 בין איך אַרויס אין „אָטסטאַווקע", האָב איך אים נאָר איבערגעניצעוועט: שוין צען יאָר ווי איך טראָג אים, ביז איצט איז ער נאָך כמעט אַ נייער. אַ דאַנק, דושעניו, המ... יפֿת־תּוארל!

טוט איר אַ גלעט, און צוגייענדיק צום שפּיגל, צעשויבערט ער לייכט די האָר.

אַ נ ו ט ש ק י ן

דערלויבט מיר צו וויסן, מכּח סיציליע... איר האָט אָקאָרשט באַוויליקט צו זאָגן — סיציליע, איז עס אַ גוט לאַנד, סיציליע?

ז ש ע וו אַ ק י ן

אַ פּראַכטפֿול! מיר זיינען דאָרט געווען פֿיר־און־דריי־סיק טאָג; די לאַנדשאַפֿט זאָג איך אייך, איז דאָרט אַ וווּנדערבאַרע. אַזעלכע בערג, היינט וואָלט איר זען עפּעס אַזעלכע גראַנאַטן־ביימלעך, און אומעטום איטאַליע־נערינס, אַזעלכע רויזעלעך, אַז עס ווילט זיך רק קושן.

אַ נ ו ט ש ק י ן

און גוט־געבילדעטע?

ז ש ע וו אַ ק י ן

נאָך ווי! אַזעלכע געבילדעטע, ווי ביי אונז, אַ שטייגער, אַ גרעפֿין. פֿלעגט טרעפֿן, דו גייסט איבער דער גאַס — נו, אַ רוסישער לייטענאַנט, נאַטירלעך, דאָ עפּאָלעטן ווייזט אויף די אַקסלען גאָלדענער האַפֿט און אָט די שוואַרץ־חנטוודיקע יפֿת־תּוארלעך — זיי האָבן דאָך נעבן יעדן הויז באַלקאָנדלעך און דעכער, אָט אַזוי פּונקט ווי די

פּאָדלאָגע, פולשטענדיק פלאַך, — פלעגט טרעפן, אַז די קוקסט זיך אַזוי אַרויף, און עס זיצט זיך אַזאַ שוואַרץ־חנעוודיקע... נו, נאַטירלעך, היטסטו זיך זאָלסט אַזוי־אַרום נישט פאַלן אַ פאַרגאַפטער מיטן פּנים אין דער בלאָטע... פאַרנייגט זיך און פּאָכט מיט דער האַנט און זי מאַכט נאָר אַזוי מאַכט א באַוועגונג מיט דער האַנט נאַטירלעך, צו אָנגעטוענע: דאָ טראָגט זי אַזאַ מין טאַפּעט*), אַ שנירל, פאַרשיידענע דאַמען־אוירינגלעך... מיט איין וואָרט, שוין איינמאָל אַ געשמאַקער ביסן...

אַ נ ו ט ש ק י ן

אונ זאָגט מיר,— דערלויבט מיר צו שטעלן אייך נאָך אַ פראַגע.— אויף וואָס פאַר אַ שפראַך רעדט מען זיך צונויף אין סיציליע?

ז ש ע ו ו אַ ק י ן

נאַטירלעך, אַלע אין פראַנצויזיש.

אַ נ ו ט ש ק י ן

און אַלע, אַלע פרייַלינס ריידן פראַנצויזיש?

ז ש ע ו ו אַ ק י ן

אַלע ביז איינער. איר וועט אפשר נישט גלויבן דאָס, וואָס איך וועל אייך זאָגן; מיר זיינען דאָרט אָפּגעווען פיר־און־דרייסיק טעג און פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך פון זיי נישט געהערט קיין איין וואָרט אויף רוסיש.

אַ נ ו ט ש ק י ן

קיין איין וואָרט נישט?

ז ש ע ו ו אַ ק י ן

קיין איינציק וואָרט נישט. איך רייד שוין נישט וועגן די דוואָריאַנעס און די אַלע איבעריקע סיניאָרן, ס'הייסט, זייערע פּלערליי אָפיצירן; נאָר נעמט, אויף טשעקאַוועס,

---

*) אַזאַ מין איבערציג.

אַן אָרטיקן פּראָסטן פּויער, וואָס שלעפּט אויפן קאַרק כלע צרות, פּרוּווט אָקאָרשט און זאָגט אים: „גיב, ברוי־דער, ברויט!“—וועט ער נישט פאַרשטיין, ערן־וואָרט, ערק וועט נישט פאַרשטיין; אָבער אַז דו זאָגסט אים אויף פראַנצויזיש: [1]„Dateci del pane!“ אָדער: „Portato vino!“[2] וועט ער פאַרשטיין און וועט לויפן און טאַקי ברענגען.

איוואַן פּאַוולאָוויטש

ווי איך זע, דאַרף עס זיין זייער אַ טשיקאַווע לאַנד, דאָס דאָזיקע סיציליע. איר האָט דאָ נאָר־וואָס געזאָגט — אַ פּויער: ווי און וואָס איז דאָרט אַ פּויער? פּונקט אַזוי לחלוטין, ווי אַ רוסישער פּויער — אַ ברייט־פּלייצעדיקער און אַקערט די ערד, אָדער ניין?

זשעוואַקין

איך קאָן אייך נישט זאָגן, כ'האָב נישט באַמערקט, צי זיי אַקערן אָדער נישט; אָבער אָט אַנסקעגן טאַבאַק־שמעקן, קאָן איך אייך דערציילן, אַז נישט בלויז אַלע רויכערן, נאָר זיי נעמען עס אפילו אין מויל אַריין. דאָס איבערפירן איז דאָרט אויך זייער ביליק: דאָרט איז אַלץ כמעט וואַסער, און אומעטום זיינען פאַראַן גאָנדאָלן1)... נאַטירלעך, זיצט זיך אַזאַ מין איטאַליענערין, אַזאַ רויז, אָנגעטאָן אין אַ מאַנישקעלע, אַ טיכל!.. מיט אונז זיינען אויך געווען ענגלישע אָפיצירן; נו, אויך אַזעלכע חברה־לייט ווי אונזערע פלאָט־לייט... לכתחילה, אמת, איז געווען זייער מאָדנע: מיר פאַרשטייען נישט איינע די צווייטע; אָבער דערנאָך— ווי גוט מיר האָבן זיך איינע מיט די אַנדערע באַקענט און זיך אָנגעהייבן פריי צו

[1]) גיס אונז ברויט; [2]) ברענגט וויין.

1) אַ פאַרמאַכט שיפל, וואָס ווערט באַנוצט אין ווענעציע, ווי אַנשטאָט גאַסן זיינען קאַנאַלן.

פֿאַרשטיין. פֿלעגסטו נאָר אַ ווייז טאָן אויף אַ פֿלאַש, אָדער אַ גלאָז — אַזוי האָט מען גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס הייסט מאַכן אַ לחיים; פֿלעגסט נאָר צושטעלן די פֿויסט צום מויל און פֿלעגסט נאָר מאַכן מיט די ליפּן: פּאַף־פּאַף — ווייסטו שוין: רויכערן די ליולקע. בכלל, קאָן איך אייך זאָגן, די שפּראַך איז אַ גאַנץ לייכטע — אונ־זערע מאַטראָזן האָבן אין משך פֿון עטלעכע טעג אָנגע־הייבן איינע די אנדערע צו פֿאַרשטיין.

איוואַן פּאַוולאָוויטש

אַ, ס׳אַראַ אויסערגעוויינלעך־אינטערעסאַנט לעבן איז, ווי איך זע, אין פֿרעמדע לענדער. מיר איז זייער אָנגענעם צו טרעפֿן זיך מיט אַ מענטשן, וואָס האָט פֿיל דורכגע־מאַכט. דערלויבט מיר צו וויסן, מיט וועמען איך האָב דעם כּבֿוד צו ריידן?

זשעוואַקין

זשעוואַקין. המ... געוועזענער לייטענאַנט. דערלויבט מיר פֿון דער צווייטער זייט אויך צו פֿרעגן מיט וועמען... המ... האָב איך דאָס גליק צו שמועסן?

איוואַן פּאַוולאָוויטש

אין דער שטעל פֿון אַן עקזעקוטאָר, איוואַן פּאַוולאָוויטש יאַיִטשניצאַ.

זשעוואַקין

ניִשט דערהערנדיִק

יאָ, איך האָב אויך איבערגעביסן. כ׳ווייס דאָך, אַז כ׳וועל האָבן אַ שטיק וועג, און דאָס וועטער איז אַ קאַלטלעכער: האָב איך אויפֿגעגעגעסן אַ הערינגל מיט ברויט.

איִוואַן פּאַוולאָוויִטש

ניין, דוכט זיִך, אַז איִר האָט שלעכט פֿאַרשטאַנען: דאָס איִז מיין פֿאַמיִליע — יאַיִטשניִצאַ.

שעוואַקיִן

פֿאַרנייגט זיִך

אַך, אַנטשולדיקט! איך בין אַ ביסל טעמפּלעך אויף אַן
אויער, כ׳האָב באמת געמיינט, אַז איר האָט באַוויליקט
צו זאָגן, דאָס איר האָט געגעסן אַ „יאַיטשניצע״.

אַיוואַן פּאַוולאָוויטש

וואָס קען מען טאָן! איך האָב שוין געהאַט געוואָלט
בעטן דעם גענעראַל ער זאָל מיר דערלויבן צו רופן זיך
יאַיטשניצין, אָבער די אייגענע האָבן מיך אָפּגערעדט;
זיי זאָגן, אַז ס׳וועט זיין ענלעך צו „סאָבאַטשי סין״*).

זשעוואַקין

און דאָס טרעפט פונדעסטוועגן. ביי אונז האָט די גאַנ-
צע דריטע עסקאַדרע, אַלע אָפיצירן און מאַטראָזן —
אַלע האָבן געהאַט משונהדיקע פאַמיליעס: פּאָמאָיקין,
יאַריזשקין, פּערעפּרייעוו, אַ לייטענאַנט; איין מיטשמאַן,
אַפילו אַ גוטער מיטשמאַן, האָט לויט זיין פאַמיליע גע-
הייסן פשוט דירקאַ. און דער קאַפּיטאַן פלעגט אַזוי
זיך רופן: „עי, דו לעכל קום אַהער!״ און אָפטמאָל
פלעגט ער איבער אים שפּאַס מאַכן: „עך דו לעכ-
אַזעלכעס!״ פלעגט ער אים אַזויערנאָך זאָגן. אין פאָרהויז
הערט זיך דאָס גלעקל; טעקלאַ לויפט דורכן צימער עפענען.

יאַיטשניצאַ

אַ גוט מאָרגן, מומעניו!

זשעוואַקין

גוט מאָרגן, וואָס מאַכסטו עפּעס, נשמה מיינע?

אַנוטשקין

גוט מאָרגן, מומעניו, טעקלאַ איוואַנאָוונאַ!

טעקלאַ

ילויפט איילנדיק

אַ דאַנק, קינדערלעך, געזונט, געזונט! עפנט די טיר; אַן

---

*) הינט׳ס זון.

פאַרהויז הערן זיך שטימען: פֿאַראַן אין שטוב? — פֿאַראַן, דאַן עטלעכע כמעט נישט-הערבאַרע ווערטער, אויף וועלכע טעקלאַ ענטפֿערט מיט פֿאַרדרוס: „זע נאָר, דו אַזוינער און אַזוינער!״

זיבעצנטע סצענע.

דיזעלבע, קאַטשקאַרעוו, פּאָדקאָלעסין און טעקלאַ.

קאָטשקאַרעוו

צו פּאָדקאָלעסינען

דו געדענק נאָר—קוראַזש, און מער גאָרנישט קוקט זיך אַרום, פֿאַרגײַגט זיך מיט אַ געוויסער פֿאַרוווּנדערונג; צו זיך פֿע, ס'אַראַ עולם מענטשן! וואָס זאָל עס הייסן? נישט אַמאָל חתנים? צופּט טעקלאַן און זאָגט איר אין דער שטיל וואָס זײַנען עס פֿאַר אַ שלעק? אַ?

טעקלאַ

שטיל

דאָ זײַנען דיר נישטאָ קיין שלעק. אַלץ אָנשטענדיקע מענטשן.

קאָטשקאַרעוו

צו איר

אַ גרויסע חבריא, אָבער אַלע פֿון קבצנים-לאַנד...

טעקלאַ

טו נאָר אַליין אויף זיך אַ קוק אין שפּיגל, וועסטו נישט האָבן מיט וואָס זיך איבערצונעמען: פֿון אויבן פֿאַרפּוצט, פֿון אונטן פֿאַרשמוצט.

קאָטשקאַרעוו

שפּילסט זיך אַביסל, שיינע גבירים! צו לאַנג אין קעשענע... העכער און וואָס טוט זי איצטער? די דאָזיקע טיר מוז אַרײַנגיין צו איר אין שלאָפֿצימער גייט צו צו דער טיר

ט ע ק ל אַ

אומפאַרשעמטער ! מ׳זאָגט דיר דאָך, אַז זי טוט זיך נאָך אָן.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

און אַז יאָ מה רעש? פ׳וועל נאָר אַ קוק טאָן און מער גאָרנישט קוקט אריין אין שלוסל-לאָך

ז ש ע וו אַ ק י ן

אַך דערלויבט מיר צו וואַרפן אַ בליק.

י אַ ט ש נ י צ אַ

אַך, לאָזט מיך כאָטש איין איינציק מאָל אַ דרינג טאָן מיט אַ בליק.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

קוקנדיק ווייטער

אַז מען זעט גאָרנישט, מיינע הערן! מ׳קאָן אפילו נישט דערקענען, וואָס אַזעלכעס ווייסט זיך עס, אַ פּרויענצימער, צי אַ קישן אלע האָבן זיך פונדעסטוועגן ארויסגעשטעלט ארום טיר אין רייסן זיך אַ קוק צו טאָן.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

ש-ש-ש. עמיצער גייט אַלע שפרינגען אָפּ.

אכצענטע סצענע.

דיועלבע, אַרינאַ פאַנטעליימאָנאָוונא און אגאַטא טיכאָנאָוונא.

אלע פארנייגן זיך.

אַ ר י נ אַ פ אַ נ ט ע ל יי מ אָ נ אָ וו נ אַ

צוליב וואָס פאַר אַ סיבה האָט איר באַוויליקט צו קומען מיט אַ באַזוך?

י אַ ט ש נ י צ אַ

כ׳האָב זיך דערוווסט פון די צייטונגען, אַז איר ווילט אַריינטרעטן אין אַן אונטערנעמונג צוצושטעלן געהילץ,

און דעריבער, פֿאַרנעמענדיק די שטעל פֿון אַן עקזע־קוטאָר, בין איך געקומען געוואָר ווערן, וואָס פֿאַר אַ מין געהילץ, אין וועלכער צאָל, צו וועלכער צייט, קאָנט איר עס צושטעלן.

אַרינאַ פּאַנטעלייטמאָנאָוונאַ

כאָטש קיין שום פּאָדריאַטן נעם איך נישט אונטער, פֿונ־דעסטוועגן איז מיר אייער באַזוך גאַנץ אַנגענעם. און ווי הייסט איר מיט דער פֿאַמיליע?

יאַיִטשניצאַ

קאָלעגיען־אַסעסאָר, איוואַן פּאַוולאָוויטש יאַיִטשניצאַ.

אַרינאַ פּאַנטעלייטמאָנאָוונאַ

איך בעט אייך זייער זיצן ווענדט זיך צו זשעוואַקינען און קוקט אויף אים הם... דערלויבט מיר צו פֿרעגן...

זשעוואַקין

איך אויך... כ׳האָב געזען אין די צייטונגען מודעות וועגן עפּעס... נו, טראַכט איך מיר, לאָמיר אַ גיי־טאָן אַהין. דאָס וועטער איז גראָד אַ שיינס, אויפֿן וועג זעען זיך אומעטום גרעזלעך...

אַרינאַ פּאַנטעלייטמאָנאָוונאַ

און ווי הייסט איר לויט פֿאַמיליע?

זשעוואַקין

איך בין לייטענאַנט פֿון פֿלאָט־דינסט אין דימיסיע, באַלטאַזאַר באַלטאַזאַראָוויטש זשעוואַקין דער צווייטער. ס׳איז ביי אונז געווען נאָך אַ זשעוואַקין, אָבער יענער איז נאָך פֿריער פֿון מיר אַרויס אין „אָטסטאַווקע״: איז, מומעניו, פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, אונטערן קני, און די קויל איז אַזוי משונהדיק דורכגעגאַנגען, אַז די קני אַליין האָט זי נישט אָנגערירט און דעם אָדער האָט זי פֿאַרכאַפּט — ווי מיט אַ נאָדל פֿאַרנייט — אַזוי, אַז ווען נאָר, ס׳פֿלעגט טרעפֿן, דו שטייסט מיט אים און רעדסט,

פלעגט זיך דוכטן, אַז ער וויל דיך פון הינטן מיטן קני אַ קלאַפּ טאָן.

אַרינאַ פּאַנטעלייִמאָנאָוונאַ

איך בעט אייך זייער, זיצט, זיצט (ווענדנדיק זיך צו אַניוטשקינען) דערלויבט מיר צו וויסן, וועגן וואָס פאַר אַן עסן?...

אַנוטשקין

המ... פון שמנות־וועגן... געפינענדיק זיך אין אַזאַ מאָטער שכנהשאַפט...

אַרינאַ פּאַנטעלייִמאָנאָוונאַ

ווינט איר נישט אַמאָל אינעם הויז פון דער אלמנה טוליבאָוואַ, וואָס קעגנאיבער?

אַנוטשקין

ניין, דערווייל ווין איך נאָך אויף די פּיאַסקעס, אָבער איך האָב פונדעסטוועגן בדעה מיט דער צייט זיך איבער־צוקלייבן אַהער, אין שכנהשאַפט, אין דעם טייל שטאָט.

אַרינאַ פּאַנטעלייִמאָנאָוונאַ

אַך ביטע, ביטע, זעצט זיך! (ווענדנדיק זיך צו קאָטשקאַרעוון) דערלויבט מיר צו פרעגן...

קאָטשקאַרעוו

צי דען דערקענט איר מיך נישט? (ווענדנדיק זיך צו אַגאַפיאַ טיכאָנאָוונאַ) און איר אויך, פריילין?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אויף וויפיל מיר שיינט, האָב איך אייך, דוכט, גאָר נישט געזען.

קאָטשקאַרעוו

פונדעסטוועגן דערמאָנט זיך: איר האָט מיך זיכער ערגעץ־ווו געזען.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

כ'ווייס באמת נישט. אפשר אַמאָל ביי די בירוּשקינס?

קאָטשקאַרעוו

טאַקי ביי די בירױשקינס.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַך, איר ווייסט נישט, מיט איר איז אַ גאַנצע געשיכטע פאָרגעקומען.

קאָטשקאַרעוו

וואָס זשע, זי האָט חתונה געהאַט?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ניין, דאָס וואָלט נאָך גוט געווען, אָבער זי האָט אַ פוס צובראָכן.

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָוונאַ

און שטאַרק צובראָכן. זי האָט זיך אומגעקערט זייער שפּעט אַהיים אויף אַ דראָזשקע, און דער פורמאַן איז געווען שכור, האָט ער זי אַרויסגעשליידערט פון דראָזשקע.

קאָטשקאַרעוו

יאָ, יאָ, כ׳געדענק עפּעס: אָדער זי האָט חתונה געהאַט, אָדער אַ פוס צובראָכן.

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָוונאַ

און ווי הייסט איר?

קאָטשקאַרעוו

סטייטש, — איליאַ פאָמיטש קאָטשקאַרעוו, מיר זיינען דאָך קרובים; מיין ווייב רעדט כסדר וועגן דעם... דערלויבט נאָר, דערלויבט (נעמט פּאָדקאָלעסינען פאַר דער האַנט און פירט אים צו) מיין פריינט פּאָדקאָלעסין, איוואַן קוזמיטש, הויף־ראַט, דינט אַלס עקספּעדיטאָר, טוט איינער אליין אַלסדינג, האָט אויסגעצייכנט פאַרפולקומט זיין פאַך.

אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָוונאַ

און ווי הייסט ער?

קאָטשקאַרעוו

פּאָדקאָלעסין, איוואַן קוזמיטש פּאָדקאָלעסין. אַ דירעקטאָר איז פאַראַן נאָר לפּנים־וועגן, אָבער אַלע ענינים ערליי־דיקט ער, איוואַן קוזמיטש פּאָדקאָלעסין.

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

אַזוי, אַזוי. איך בעט זייער זעצן זיך.

ניינצענטע סצענע.

דיזעלבע. סטאַריקאָוו.

סטאַריקאָוו

פאַרנייגט זיך לעבעדיק און שנעל מעשה סוחר און פאַרלייגט זיך די הענט ביי די זייטן

מיין אַכטונג, אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ! מ'שמועסט אויפן מאַרק, אַז איר האָט צו פאַרקויפן פעל!

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אָפּקערנדיק זיך מיט גרינגשעצונג, אין דער שטיל, אָבער אַזוי, אַז ער הערט

דאָ איז נישט קיין סוחריש קרעמל.

סטאַריקאָוו

נאַט אייך אַן עסק! האָב איך נישט געטראָפן? האָט מען שוין אָן מיר פאַרענדיקט דאָס געשעפט?

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

ביטע, ביטע, אַלעקסיי דמיטריעוויטש; כאָטש קיין פעל פאַרקויפן מיר נישט, דאָך טוט אונז הנאה אייער קומען. כ'בעט אייך זייער זיצן! אַלע האָבן זיך צעזעצט. אַ שווייגעניש.

יאַיטשניצאַ

אַ משונהדיק וועטער היינט: אין דער פרי האָט עס להלוטין אויסגעזען רעגנדיק און איצט איז עס כמעט ווי פאַרביי.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

יאָ, יאָ. אַזאַ וועטער איז סתם נישט אַהער, נישט אַהין: אַמאָל איז לויטער און אַמאָל איז עס גאָר רעגנדיק.

ס׳אַ גרויסע אומאַנגענעמלעכקייט.

ז ש ע ו ו אַ ק י ן

אָט אין סיציליע זיינען מיר געווען מיט דער עסקאַדרע פריִלינג־צייט,—איִבעריִגנס, אויב איר ווילט געניוער, איִז עס געווען אין פעווראַל: פלעגט טרעפן, אַז די פלעגסט אַרויסגיין פון שטוב—דער טאָג איִז אַ זוניִקער, און דערנאָך—אַ רעגן גאָר. די קוקסט, קוקסט—אַ רעגנטאָג.

י אַ י ט ש ני צ אַ

אומאַנגענעמער פון אַלץ איִז, בעת די זיִצסט אין אַזאַ וועטער איינער אַליין. אַ באַווייבטן מענטשן איז עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך—ניִשט לאַנגווייליִק; און איִז מען איִן איינזאַמקייט, איז עס פראָסט...

ז ש ע ו ו אַ ק י ן

אַ טויט, אַן אמתער טויט!

אַ נ ו ט ש ק י ן

יאָ, יאָ, מען קאָן זיך אַזוי אויסדריִקן...

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו

וואָס רעדט איר?—אַן אמתע פּלאָגעניש! דאָס לעבן וועט דיִר ניִשט איינגיין. זאָל גאָט אויסהיטן צו פרוּוון אַזאַ צושטאַנד.

י אַ י ט ש ני צ אַ

און ווי איז, פריילין, אויב ס׳וואָלט אייך אויסגעקומען אויסצוּוויילן אַ געגנשטאַנד, דערלויבט מיר צו וויסן אייער געשמאַק. אַנטשולדיקט, וואָס איך רייד אַזוי אָפן. וואָס פאַר אַן אַמט, לויט אייער מיינונג, פּאַסט בעסער פאַר אַ מאַן?

ז ש ע ו ו אַ ק י ן

וואָלט איר, פריילין, געוואָלט האָבן פאַר אַ מאַן אַ מענטשן, וועלכער איז באַקאַנט מיט די ים־געוויטערס?

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו

ניין, ניין, לויט מיין מיינונג, איז דער בעסטער מאַן אַ מענטש, וואָס פירט אָן כּמעט איינער אַליין מיט אַ גאַנצן

דעפּאַרטאַמענט.

אַנוטשקין

וואָס טויגן די פֿאָראורטיילן? פֿאַרוואָס ווילט איר אַרויס־ווייזן אַ גרינגשעצונג צו אַ מענטשן, וועלכער האָט כאָטש, געוויס, געדינט אין פּיעכאָטע־דינסט, אָבער קאָן פֿונדעסטוועגן שעצן די באַנעמונג פֿון דער העכסטער געזעלשאַפֿט.

יאַיטשניצאַ

פֿריילין, זאָגט זשע איר!

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

שוויַגט

טעקלאַ

ענטפֿער זשע, קינד מיינס, זאָג זיי וואָס ניט איז.

יאַיטשניצאַ

נו, וואָס זשע מיינט איר?

קאָטשקאַרעוו

ווי איז אייער מיינונג, אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ?

טעקלאַ

שטיל צו אַגאַטאַן

זאָג שוין, זאָג: „אַ דאַנק, אַ שטייגער, ס'איז מיר זייער אַנגענעם"... ס'פּאַסט דאָך ניט צו זיצן אַזוי אָ.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

שטיל

כ'שעם זיך, כ'שעם זיך, כ'וועל אַוועקגיין, כ'וועל נע־מען און אַוועקגיין. מומעניו, זיצט איר פֿאַר מיר.

טעקלאַ

אַך, טו עס ניט, אַ פֿינסטערע הרפּה! גיי נישט אַוועק. וועסט זיך מאַכן צו שפּאָט. זיי וועלן ווער ווייסט וואָס קלערן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונא

שטיל

ניין, ניין, כ'גיי אַוועק. לויפֿט אַרויס. טעקלאַ און אַרינאַ פּאַנטע־לייכאָנאָוונא גייען אַוועק נאָך איר

צוואַנציקסטע סצענע.

דיזעלבע אחוץ די אַרויסגעגאַנגענע

יאַניטשניצאַ

זעט נאָר, זעט, זיי האָבן גענומען און אַוועקגעגאַנגען!
וואָס הייסט עס עפּעס?

קאָטשקאַרעוו

ס'איז אודאי עפּעס געשען.

זשעוואַקין

מסתמא איז עס נוגע דעם דאַמען־טואַלעט... אודאי עפּעס פאַרריכטן... די מאַנזשעטלע... אַ שפּילקע אַריינשטעקן...

טעקלאַ קומט אַריין. אַלע לאָזן זיך איר אַנטקעגן מיט פֿראַגן: וואָס, וואָס פאַר אַ מעשה?

קאָטשקאַרעוו

איז עפּעס געשען?

טעקלאַ

פאַרוואָס זאָל עפּעס געשען! פּ'נאמנות, ס'האָט גאָרנישט געטראָפן.

קאָטשקאַרעוו

טאָ נאָך וואָס איז זי אַרויסגעגאַנגען?

טעקלאַ

אַז איר האָט זי פאַרשעמט, איז זי דערפאַר אַרויסגעגאַנגען; איר האָט זי ממש צומישט; איז זי נישט איינגעזעסן אויף אַן אָרט. זי בעט אַנטשולדיקן און באַוויליקן צו קומען אין אָוונט אויף אַ גלעזל טיי. גייט אַרויס

יאַניטשניצאַ

אין דער זייט

אַך, ס'אַן אָפּקומעניש מיטן גלעזל טיי! דערפאַר טאַקי האָב איך נישט ליב דאָס שדכנען, אַ גאַנצע פאַרשלעפּעניש: היינט קאָן מען נישט, זייט זשע מוחל מאָרגן, דאַן נאָך איבערמאָרגן אויף אַ גלעזל טיי, דאַן דאַרף מען נאָך אַ טראַכט טאָן. פּע, אַ מאוסער ענין, דער קאָפּ

ברעכט זיך כמעט! צו אַלדי ריחות. כ׳בין אַ פֿאַרנומענער מענטש, כ׳האָב גאָרנישט ווען.

קאָטשקאַרעוו

צו פּאָדקאָלעסינען

די בעל־הביתטיטשקע איז אָבער נישט מאוס? אַ?

פּאָדקאָלעסין

יאָ, נישט מאוס.

זשעוואַקין

די בעל־הביתטיטשקע איז אָבער שיין?

קאָטשקאַרעוו

אין דער זייט

אָט, כאַפּט עס דער נישט־גוטער! דער דאָזיקער שוטה האָט זיך פֿאַרליבט. ער וועט נאָך אפֿשר קאַליע מאַכן!

אויפֿן קול זי איז גאָרנישט שיין. זי איז נאָרנישט שיין.

יאַיטשניצאַ

אַ גרויסער נאָז.

זשעוואַקין

ניין, דעם נאָז האָב איך נישט באַמערקט. זי איז אזא רויז, כ׳לעבן.

אַנוטשקין

איך בין אויך פֿון דערזעלבער מיינונג. ניין, נישט דאָס, נישט דאָס... איך קלער אַפֿילו, אַז זי איז אפֿשר גאָר־נישט באַקאַנט מיט דער באַנעמונג פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט. און פֿראַנצויזיש קען זי?

זשעוואַקין

כ׳דערלויב מיר צו פֿרעגן, פֿאַרוואָס האָט איר נישט גע־פּרוווט מיט איר אַ רעד טאָן פֿראַנצויזיש? קאָן זיין, אַז זי קען טאַקי.

אַנוטשקין

איר מיינט, אַז איך רייד פֿראַנצויזיש? ניין, איך האָב נישט געהאַט דאָס גליק צו באַנוצן זיך מיט אַזאַ ערציִונג. מיין פֿאָטער איז געווען אַ מנוול, אַ פֿערד. ער האָט

גאָר אין זינען נישט געהאַט מיך אויסצולערנען די
פראַנצויזישע שפּראַך. כ׳בין נאָך דאַן אַ קינד געווען.
מען האָט מיך לייכט געקאָנט צוגעוויינען, מען האָט נאָר
געדאַרפט גוט אָפּשמייסן, וואָלט איך שוין געקענט,
כ׳וואָלט אומבאַדינקט געקענט.

ז ש ע וו אַ ק י ן

נו, אויב אַזוי, אויב איר קענט נישט, טאָ וואָס וועט
איך איצט אַריינקומען, אויב זי...

אַ נ ו ט ש ק י ן

ניין, ניין! אַ פּרויענצימער — איז גאָר אַן אַנדער זאַך;
ס׳איז נויטיק, זי זאָל אומבאַדינקט קענען, און אָן דעם
איז ביי איר עפּעס דאָס, יענץ... וויזט מיט זשעסטן אַלץ
וועט שוין זיין ניט דאָס!

י אַ י ט ש נ י צ אַ

אָן אַ זייט

נו, וועגן דעם זאָל אַן אַנדערער זאָרגן, און איך וועל
גיין און אַ קוק טאָן פון דרויסן דאָס הויז און די
פליגלען: אויב אַלץ איז נאָר ווי עס געהער צו זיין,
וועל איך נאָך היינטיקן אָוונט זיך דערשלאָגן צום ענין.
די דאָזיקע חתנימלעך זיינען פאַר מיר נישט געפערלעך—
קנאַפּע פלאָקנשיסער! כלות האָבן ניט ליב אַזעלכע.

ז ש ע וו אַ ק י ן

נאַ, מ׳עט גיין פאַררויכערן. וואָס, מיר גייען נישט אין
איין וועג? דערלויבט מיר צו פרעגן, וווּ וווינט איר?

אַ נ ו ט ש ק י ן

אויף פּיעסקי, אין פּעטראָווער געסל.

ז ש ע וו אַ ק י ן

יאָ, יאָ, ס׳וועט זיין אַ גאַנצן קרייז צו מאַכן: איך וווין
אויף דער אינזל, אין דער 18 ליניע, נאָר, איבעריגנס,
כ׳וועל אייך פונדעסטוועגן באַגלייטן.

ס ט אַ ר י ק אָ וו

ניין, דאָ איז עפּעס צו אָנגעבלאָזן, אַי, איר וועט אונז

דערנאָך דערמאָנען, אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ. מיין אַכטונג, מיינע הערן! פארנייגט זיך און גייט אוועק

איינאונצוואַנציקסטע סצענע.

פּאָדקאָלעסין און קאָטשקאַרעוו.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

און וואָס וואַרטן מיר?

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

נו, וואָס, ניט אמת, די בעל־הביתטע איז אַ וווילינקע?

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

וואָס רעדט איר! מיר, דעם אמת גערעדט, געפעלט זי נישט.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

נאַ דיר גאָר! וואָס רעדסטו? ביסט דאָך אַליין איינגע־גאַנגען, אַז זי איז שיין.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

נו יאָ, אָבער עפּעס נישט דאָס; אַ נאָז אַ לאַנגער, און קיין פראַנצויזיש קען זי נישט.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

וואָס נאָך? צו וואָס דאַרפסטו האָבן פראַנצויזיש?

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

נו, פונדעסטוועגן, אַ כלה דאַרף קענען פראַנצויזיש.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

צו וואָס?

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

דערפאַר ווייל... נו, איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אַלץ וועט שוין ביי איר זיין עפּעס נישט דאָס.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

אַזוי גאָר! אַ שוטה האָט עס נאָר וואָס געזאָגט און אים איז עס אין קאָפּ אַריין. זי איז — אַ שיינהייט, איינפאַך אַ שיינהייט, אַזאַ מיידל וועסטו ערגעץ נישט געפינען.

פאָדקאָלעסין

מיר אַליין איז זי אין אָנהייב געפֿעלן געוואָרן, אָבער שפּעטער, אַז מען האָט אָנגעהייבן ריידן: אַ לאַנגער נאָז, אַ לאַנגער נאָז, — נו, האָב איך זיך שוין צוגעקוקט און זע אַליין אויך, אַז אַ לאַנגער נאָז.

קאָטשקאַרעוו

עך, דו נאַר, ווי מען קען דיך פֿירן אין באָד אַריין! זיי ריידן בכּיוון אַזוי, כּדי דיר צו פֿאַרמיאוסן: און איך גופֿא האָב אויך נישט געריימט, — אַזוי פֿירט זיך עס שוין. דאָס איז, ברודער, שוין איינמאָל אַ מיידל! דו קוק נאָר אָן אירע אויגן: זיי ריידן, זיי אָטעמען, און דער נאָז? כ׳ווייס גאָר נישט וואָס פֿאַר אַ נאָז דאָס איז! ווייס — אַלבאַסטער! אַפילו נישט יעדער אַלבאַסטער קאָן זיך גלייכן. דו קוק זיך נאָר אַליין גוט צו.

פאָדקאָלעסין

שמייכלענדיק

איצט זע איך טאַקי ווידער, אַז זי איז טאַקי אַפּנים שיין.

קאָטשקאַרעוו

פֿאַרשטייט זיך, שיין. הער נאָר, היות ווי אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען, לאָמיר איצט גיין צו איר, לאָמיר זיך פֿאַרשטענדיקן און אַלץ פֿאַרענדיקן.

פאָדקאָלעסין

נו, דאָס וועל איך נישט טאָן.

קאָטשקאַרעוו

סטייטש, פֿאַרוואָס?

פאָדקאָלעסין

וואָס איז עס פֿאַר אַ גראָבקייט? מיר זיינען דאָך אַ סך; זאָל זי אַליין אויסוויילן.

קאָטשקאַרעוו

צו וואָס דאַרפסטו קוקן אויף זיי: האָסט מורא פֿאַר קאָנקורענץ, צי וואָס? ווילסט, וועל איך זיי אין איין מינוט אַלעמען אַראָפּבאַרענגען?

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

ווי אַזוי וועסטו זיי אַראָפּברענגען?

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

דאָס איז שוין מיין זאַך. גיב מיר נאָר אַ וואָרט, אַז דו וועסט זיך שפּעטער נישט אַרויסמאַכן.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

פאַרוואָס זאָל איך נישט געבן? ביטע, איך לייקן גאָרנישט: איך וויל חתונה האָבן.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

אַ האַנט!

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

דערלאַנגענדיק

נעם!

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

נו, דאָס נאָר דאַרף איך האָבן בײדע צום

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

א צימער אין הויז פון אגאטא טיכאנאווגא.

ערשטע סצענע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונא אליין, נאָכדעם קאָטשקארעוו.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ס׳איז אין אמת, אַ גרויסע שווערקייט — דאָט אויסוויי־לן! ווען ס׳וואָלט געווען איין מענטש, צוויי מענטשן, אָבער דאָ זיינ׳ען פיר — ווי דו ווילסט, נעם און קלייב. ניקאַנאָר איוואַנאָוויטש איז נישט קיין נאַר, כאָטש, וואָס אמת, צו מאָגערלעך; איוואַן קוזמיטש איז אויך אַ נישקשהדיקער, אָבער אויב זאָגן דעם אמת, איז איוואַן פאַוולאָוויטש, כאָטש ער איז צו דיק, אויך אַן אָנגעזע־ענער מאַנספאַרשוין. היינט, כ׳בעט אייך, ווי זאָל דאָ זיין? באַלטאַזאַר באַלטאַזאַראָוויטש איז אַודאי אויך אַ מאַנספאַרשוין מיט מעלות. ס׳איז זייער שווער זיך צו אַנטשליסן; כ׳קאָן גאָרנישט אַרויסגעבן, ווי שווער! אויב מ׳זאָל נעמען ניקאַנאָר איוואַנאָוויטשעס ליפּן און צושטעלן צו איוואַן קוזמיטשעס נאָז, דערצו נאָך נעמען אַביסעלע ריידעוודיקייט, וואָס ביי באַלטאַזאַר באַלטאַזאַראָוויטשן, און אַגב נאָך צוגעבן צו דעם איוואַן פאַוולאָוויטשעס דיקקייט — דאַן וואָלט איך זיך תיכף אַנטשלאָסן. איצט אָבער גיי, קלער! דער קאָפּ האָט פראָסט אָנגעהייבן ווייצו טאָן. איך מיין, אַז בעסער פון אַלץ איז וואַרפן גורל. פאַרלאָזן זיך אין אַלץ אויף גאָטס ווילן: ווער

עס וועט אויספאַלן, יענער איז דער מאַן, כ׳ווער זיי אַלעמען אָנשרייבן אויף פּאַפּירלעך, אויפוויקלען אין רערלעך, און זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין. גייט אונטער צום טיש, נעמט ארויס פון דאָרט א שערל און פּאַפּיר, שנײַדט אָן צעטעלעך און קײַקלט צונויף, רײדנדיק ווייטער אַזאַ אומגליקלעכע לאַגע פון אַ מיידל, בפרט נאָך אַ פאַרליבטער. פון די מענער וועט קיינער עס נישט באַגרייפן, און זיי ווילן דאָס אַפילו נישט פאַרשטיין... אָט זיינען זיי שוין אַלע פאַרטיק! עס בלייבט נאָר זיי אַריינצולייגן אין רידיקיול, פאַרזשמורן די אויגן, און זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין לייגט אריין די צעטעלעך אין רידיקול און מישט זיי פונאַנדער מיט דער האַנט שרעקלעך... אַך, ווען גאָט וואָלט געבן, עס זאָל זיך אַרויסנעמען ניקאַנאָר איוואַנאָוויטש! ניין, פאַר־וואָס ערפּעס ער? בעסער שוין איוואַן קוזמיטש. פאַרוואָס ווידער איוואַן קוזמיטש? מיט וואָס זיינען שלעכט יענע, אַנדערע?... ניין, ניין, איך וויל נישט... ווערלכער ס׳וועט זיך אויסקלייבן, יענער זאָל זיין. גראַבלט מיט דער האַנט אין רידיקיול און נעמט ארויס, אַנשטאָט איינעם, אַלע אַך, אַלע! אַלע האָבן זיך אַרויסגענומען! און דאָס האַרץ צאַפּלט אַזוי! ניין, איינעם, איינעם! אומבאַדינגט איינעם! לייגט אריין די צעטעלעך אין רידיקיול און מישט אויס. אין דערזעלבער צייט גייט אריין אין דער שטיל קאָטשקאַרעוו און שטעלט זיך פון הינטן אַך, ווען כ׳וואָלט אַרויסגענומען באַלטאַזאַרן... וואָס רייד איך! כ׳האָב געוואָלט זאָגן ניקאַנאָר איוואַנאָוויטשן... ניין, איך וויל נישט, איך וויל נישט! וועמען דאָס מזל וועט הייסן.

קאָטשקאַרעוו

נעמט זשע בעסער איוואַן קוזמיטשן, ער איז בעסער פון אַלע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַך! טוט א געשריי און פאַרשטעלט דאָס געזיכט מיט ביידע הענט, מורא האָבנדיק א קוק טאָן אויף הינטן

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

וואָס האָט איר זיך דערשראָקן? שרעקט זיך נישט, דאָס בין איך, איִן דער אמתן, נעמט איוואַן קוזמיטשן.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו ו נ אַ

אַך, איך שעם זיך: איר האָט זיך צוגעהערט.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

גאָרנישט, ס'שאַדט נישט! איך בין אַן אייגענער, אַ היי־מישער מענטש; פֿאַר מיר איז נישטאָ זיך וואָס צו שעמען; דעקט זשע אָפּ אייער פּנימל.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו ו נ אַ

עפֿנט האַלב דאָס געזיכט

ס'איז מיר באמת אַ חרפּה.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

נו, נעמט זשע איוואַן קוזמיטשן.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו ו נ אַ

אַך! *טוט אַ געשריי און פֿאַרשטעלט זיך ווידער מיט די הענט.*

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

כ'לעבן, אַ וווּנדערבאַרער מענטש, ער האָט זיין פֿאַך פֿאַרפֿולקומט... פּשוט אַ זעלטענער מענטש!

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו ו נ אַ

עפֿנט ביסלעכווייז דאָס געזיכט

ווי אַזוי זשע, און אַן אַנדערער? און ניקאַנאָר איוואַנאָ־וויטש — ער איז דאָך אויך אַ גוטער מענטש.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

האָט קיין פֿאַראיבל נישט, דאָס איז אַשפּה אַנטקעגן איוואַן קוזמיטשן.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו ו נ אַ

וואָרום זשע?

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

קלאָר פֿאַרוואָס, איוואַן קוזמיטש איז אַ מענטש... נו, איינפֿאַך אַ מענטש... אַ מענטש, וואָס אַזעלכע וועסטו נישט אויסגעפֿינען.

אַגאַטאַ טיִכאָנאָוונאַ

נו, און איוואַן פּאַוולאָוויטש?

קאָטשקאַרעוו

און אויך איוואַן פּאַוולאָוויטש איז — מיסט, אַלע זיינען זיי — אַשפּה.

אַגאַטאַ טיִכאָנאָוונאַ

פאַרוואָס עפּעס אַלע?

קאָטשקאַרעוו

טוט נאָר אַ קלער, פאַרגלייכט נאָר: דאָס איז דאָך — ווי עס זאָל נישט זיין — איוואַן קוזמיִטש! און נעמט, אַ שטייגער, וועלכן ס'איז: איוואַן פּאַוולאָוויטש, ניקאַנאָר איוואַנאָוויטש, דער טייוול ווייסט זיי, וואָס דאָס איז אַזעלכעס!

אַגאַטאַ טיִכאָנאָוונאַ

זיי זיינען דאָך — נישט אמת? — זייער... באַשיידענע?

קאָטשקאַרעוו

וואָס פאַר אַ באַשיידענע! שלעגער זיינען זיי, אמתע סקאַנדאַליסטן. איר האָט אודאי חשק באַלד אויף מאָרגן נאָך דער חתונה קריגן געשלאָגן.

אַגאַטאַ טיִכאָנאָוונאַ

אַך, מיין גאָט! דאָס איז שוין געוויס אַזאַ אומגליק, וואָס ערגער פון דעם קאָן שוין נישט זיין.

קאָטשקאַרעוו

נאָך ווי! ערגער פון דעם קאָן מען גאָר נישט אויסטראַכטן.

אַגאַטאַ טיִכאָנאָוונאַ

איז לויט אייער עצה זאָל איך בעסער נעמען איוואַן קוזמיטשן?

קאָטשקאַרעוו

איוואַן קוזמיטשן; נאַטירלעך, איוואַן קוזמיִטשן. אין דער זייט דער עסק גייט, דוכט זיך, אויף אַ וועג. פּאָדקאָלעסין זיצט אין קאָנדיטעריי, מ'דאַרף שנעלער גיין נאָך אים.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

איז רעכנט איר — איוואַן קוזמיטשן?

קאָטשקאַרעוו

אומבאַדינקט איוואַן קוזמיטשן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

און יענע אַנדערע אָפּזאָגן דען?

קאָטשקאַרעוו

געוויס, אָפּזאָגן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונא

אָבער ווי מאכט מען דאָס? כ׳שעם מיך עפּעס.

קאָטשקארעוו

וואָס פאר א שעמען זיך? זאָגט, אז איר זייט נאָך צו יונג און איר ווילט נאָך נישט התונה האָבן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

זיי וועלן דאָך אָבער נישט גלויבן, זיי וועלן נעמען פרעגן: פאַרוואָס און ווי אזוי?

קאָטשקארעוו

נו, אויב איר ווילט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט זיי פּאַר איין קלאַפּ, טאָ זאָגט פּראָסט: „נעמט דעם דרך, איר גולמס!״

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ווי קאָן מען עס אַזוי זאָגן?

קאָטשקאַרעוו

פּרוווט עס, פּרוווט: איך פאַרזיכער אייך, אַז נאָך דעם וועלן אַלע גלייך נעמען וועג.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אָבער דאָס וועט אויסקומען גערזידלט.

קאָטשקאַרעוו

איר וועט זיי דאָך מער נישט אָנזען, איז דען נישט אַלצאיינס?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ס׳איז אָבער עפּעס אַלץ נישט גוט... זיי וועלן דאָך בייז ווערן.

קאָטשקאַרעוו

וואָס פאַר אַן אומגליק, אויב זיי וועלן בייז ווערן?

זאָיב דערפֿון אַלט עפּעס אַרויסגעקומען, דאַן וואָלט געווען אַן אַנדער זאַך; אָבער דאָס גרעסטע וואָס קאָן דאָ זיין איז—טאָמער וועט איינער פֿון זיי אַ שפּיי טאָן אין די אויגן אַריין, אָט דאָס גאָר.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ וו נ אַ

נו, אָט זעט איר!

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

טאָ וואָס פֿאַר אַן אומגליק? אַנדערע האָט מען געשפּיגן עטלעכע מאָל, ערן־וואָרט! איך קען אויך איינעם: אַ הערלעכער מאַנספּאַרשוין, פֿאַרבן שפּילן אויף די באַקן; ער האָט אַזוי לאַנג דערקוטשעט און דערעסן זיין נאַטשאַלניק וועגן אַ לוין־הוספֿה, אַז יענער האָט לסוף נישט אויסגעהאַלטן—האָט אים אַ שפּיי געטאָן גלייך אין פּנים אַריין, ערן־וואָרט! „אָט האָסטו דיר,—האָט ער געזאָגט—דיין הוספֿה, טשעפּע זיך אָפּ, שטן דו!" און אויפֿן געהאַלט האָט ער אים פֿינדעסטוועגן מוסיף געווען. נו, איז וואָס קומט אַרויס פֿון דעם, אַז ער וועט אַ שפּיי טאָן? ס'וואָלט אַנדערש געווען, ווען דאָס טיכל וואָלט געלעגן ווייט, אָבער עס ליגט דאָך אָט דאָ, אין טאַש—נעמט מען און מען ווישט זיך אָפּ. אין פֿאַרהויז קלינגט מען מען קלאַפּט: עמיצער פֿון זיי, אַוודאי; כ'וואָלט זיך נישט געוואָלט מיט זיי איצט טרעפֿן. האָט איר דאָ נישט קיין אַנדער אַרויסגאַנג?

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ וו נ אַ

פֿאַרוואָס נישט, דורך די הינטער־טיר. אָבער איך ציטער ממש.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

ס'שאַדט נישט, נאָר מוטיק. זייט מיר געזונט! אָן אַ זײַט כ'וועל שנעלער ברענגען צופֿירן פּאָדקאָלעסינען.

צווייטע סצענע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ און יאַיטשניצאַ.

יאַיטשניצאַ

כ׳בין בפיוון, פריילין, געקומען אביסל פריער, כדי צו ריידן מיט אייך אויג אויף אויג, אין א פאסיקע רגע. נו, פריילין, וואָס איז נוגע מיין ראנג, רעכן איך איז אייך שוין באקאנט: איך דין אלס קאָלעגיען-אסעסאָר, בין באליבט ביי נאטשאלניקעס, די אונטערגעוואָרפענע פאָלגן... עס פעלט נאָר איינס: א חברטע אין לעבן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

יאָ.

יאַיטשניצאַ

איצט געפין איך א חברטע אין לעבן. די חברטע—דאָס זייט איר. זאָגט גלייך: יאָ, אָדער ניין? קוקט איר אין די אקסלען אריין, און א זייט אָ, זי איז נישט דאָס, וואָס, ווי עס טרעפט, די מאָגערע דייטשקעס—ס׳איז פאראן עפעס.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

כ׳בין נאָך זייער יונג... כ׳בין נאָך נישט אויפגעלייגט חתונה צו האָבן.

יאַיטשניצאַ

וואָס הייסט, און נאָך וואָס טומלט זיך די שדכנטע? נאָר, קאָן זיין, איר ווילט עפעס אנדערש זאָגן—זאָגט, זאָגט... עס הערט זיך דאָס גלעקל צו אלדי רוחות! מ׳לאָזט בשום אופן נישט צו פארנעמען זיך מיט דער זאך.

דריטע סצענע.

דיזעלבע און זשעוואַקין.

זשעוואַקין

אנטשולדיקט, פריילין, וואָס כ׳בין אפשר צו פרי געקומען קערט זיך אום און דערזעט יאַיטשניצאַן אך, שוין פאראן... מיין אכסונג, איוואן פאחלאָוויטש!

יאַיטשניצאַ

און א זייט

גיי אין דער אדמה מיט דיין אכסונג! העכער נו, וואָס

פריילין? זאָגט וואָר איין וואָרט: יאָ, צי ניין? עס הערט
זיך דאָס יעקלס. יאַיטשניצאַ שפּילט פון כּיס ווידער דאָס
גלעקל.

פערטע סצענע.

די זעלבע און אַנוטשקין.

אַנוטשקין

קאָן זיין, פריילין, אַז כ'בין געקומען פריער ווי עס
דאַרף זיין און ווי עס דיקטירט די פליכט פון אַנשטענ-
דיקייט... (דערזעענדיק די איבעריקע, מאַכט ער אַן אויסגעשריי און
פאַרנייגט זיך) מיין אַכטונג!

יאַיטשניצאַ

(אין אַ זייט)

האַלט זיך מיט דיין אַכטונג! שדים האָבן דיך אַהער
געבראַכט. האָסט געמעגט דיינע דאַרע פיס צוברעכן!
(העכער) נו, פריילין, ווי וועט איר באַשליסן, — איך
בין אַ פאַרנומענער מענטש, קיין סך צייט האָב איך
נישט — יאָ, אָדער ניין?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

(אין פאַרלעגנהייט)

מען דאַרף נישט... מען דאַרף נישט... (אין דער זייט) איך
פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס איך רייד.

יאַיטשניצאַ

וואָס הייסט „מען דאַרף נישט"? אין וועלכער זינזיכט
דאַרף מען נישט?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

גאָרנישט, גאָרנישט... כ'האָב נישט געמיינט...
(צעגעמעגעריק זיך מיט מיט) אַרויס פון דאַנען!... (אין דער זייט,
אַ פּאַטש טרויעריק מיט די הענט) אַך, גאָט מיינער! וואָס האָב
איך עס געזאָגט?

יאַניטשניצאַ

וואָס הייסט „אַרויס פֿון דאַנען"? וואָס באַטייט עס: „אַרויס פֿון דאַנען"? דערלויבט מיר צו וויסן, וואָס איר פֿאַרשטייט אונטער דעם. אַנגעמענדיק זיך מיט בײדע הענט בײ די זײטן, גײט ער צאָרנדיק צו צו איר

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

א שטיק טיפּנדיק אים אין פּנים, שרײַט זי אויס

אוי, ער גייט מיך שלאָגן! אַנטלויפֿט. יאַיטשניצאַ שטײט מיט אַן אױפֿגעעפֿנטן מויל. אױפֿן גײשרײ לױפֿט אַרײַן אַרינאַ פּאַנטעלײמאָנאָװנאַ, און, אַ קוק טוענדיק אויף זײַן געזיכט, טוט זי אויך אַ געשרײ: „געוואַלט, ער גייט זיך שלאָגן"! און אַנטלויפֿט

יאַיטשניצאַ

אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! נאַט אייך אַ ביסל אַ געשיכטע! אין טיר קלינגט דאָס גלעקל; עס הערן זיך שטימען.

קאָטשקאַרעווס שטים

קום שוין, קום אַריין, וואָס ביסטו שטיין געבליבן?

פּאָדקאָלעסינס שטים

גיי דו אַריין פֿריער, איך וועל נאָר אויף אַ מינוט: כ׳וועל זיך אין אָרדנונג ברענגען. ס׳האָט זיך מיר אונטן דאָס רימענדל אָפּגעשפּילעט.

קאָטשקאַרעווס שטים

אָבער דו וועסט ווידער נעלם ווערן.

פּאָדקאָלעסינס שטים

ניין, כ׳וועל נישט נעלם ווערן. ערן־וואָרט, כ׳וועל נישט נעלם ווערן!

פֿינפֿטע סצענע.

דיועלבע און קאָטשקאַרעוו.

קאָטשקאַרעוו

נו, זעס, מ׳האָט גויטיק באַדאַרפֿט פֿאַררייכטן דאָס רימענדל.

יאַ ניטשניצאַ

חענדנדיק זיך צו אים

זאָגט מיר, איך בעט אייך, די כּלה איז אַ נאַר, צי וואָס?

קאָטשקאַרעוו

וואָס איז? האָט דען עפּעס געטראָפן?

יאַניטשניצאַ

עפּעס אַן אומפּאַרשטענדלעך האַלטן־זיך: איז אַרויסגעלאָפן, האָט אָנגעהייבן געוואַלטעווען: „ער גייט מיך דערשלאָגן, דערהרגענען!“ דער טייוול ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס!

קאָטשקאַרעוו

נו יאָ, דאָס איז שוין מיט איר אַזוי! זי איז אַ נאַרישעוואַטע.

יאַניטשניצאַ

זאָגט נאָר, איר זייט דאָך איר אַ קרוב?

קאָטשקאַרעוו

אַוודאי, אַ קרוב.

יאַניטשניצאַ

וואָס פאַר אַ קרוב? דערלויבט מיר צו וויסן.

קאָטשקאַרעוו

כ׳ווייס באמת נישט; מיין מוטערס מומע איז עפּעס מיט איר פּאָטער, אָדער איר פּאָטער איז עפּעס מיט מיין מומען; וועגן דעם ווייט די פרוי מיינע, — דאָס איז זייער עסק.

יאַניטשניצאַ

שוין לאַנג ווי אין איר איז דער נאַר אַריין?

קאָטשקאַרעוו

נאָך פון סאמע קינדהייט.

יאַניטשניצאַ

נו, געוויס, בעסער וואָלט געווען, ווען זי איז קליגער; נאָר איבעריגנס, אפילו אַ נאַר איז זי אויך גוט: וואָלטן נאָר די צוגאָב־ארטיקלען זיין אין גוטער אָרדנונג.

קאָטשקאַרעוו

זי פֿאַרמעגט דאָך ווערנישט.

יאַיטשניצאַ

וואָס הייסט, און דער מויער?

קאָטשקאַרעוו

עס הייסט נאָר מויער. ווען איר וואָלט וויסן ווי אַזוי ער איז געבויט געוואָרן: די ווענט זיינען נאָר פֿון אויסנווייניק אויף איין ציגל בלויז אַרויסגעשטעלט, און אינעווייניק געפֿינען זיך אַלע צרות — מיסט, שפּענער, אָפּפֿאַל.

יאַיטשניצאַ

וואָס רעדט איר?

קאָטשקאַרעוו

פֿאַרשטייט זיך. איר ווייסט דען נישט, ווי אַזוי מ'בויט היינט הייזער? אַבי נאָר אין לאָמבאַרד צו פֿאַרזעצן.

יאַיטשניצאַ

פֿונדעסטוועגן, דאָס הויז איז דאָך נישט פֿאַרזעצט?

קאָטשקאַרעוו

ווער האָט עס אייך געזאָגט? אין דעם גייט עס טאַקי, וואָס נישט נאָר עס איז פֿאַרזעצט, נאָר אַפֿילו פֿאַר צוויי יאָר פּראָצענטער איז נאָך נישט אויסגעצאָלט געוואָרן. דערצו איז נאָך אין סענאַט פֿאַראַן אַ ברודער, וועלכער האָט אויך אַן אויג אויף דאָס הויז — אַזאַ בעל־מחלוקת, ווי ער, האָט נאָך די וועלט נישט באַשאַפֿן: פֿון דער אייגענער מוטער וואָלט ער דאָס לעצטע קליידל אַראָפּגענומען, דער אַכזר.

יאַיטשניצאַ

טאָ וואָס האָט זי אָנגעפּלוידערט, די אַלטע שדכנטע... אַך, ס'אַרא מין קליפּה דאָס איז, אַזאַ מין אויסוווּרף פֿון מענטשלעכן געשלעכט... אין אַ זייט פֿונדעסטוועגן, קאָן זיין אַז ער באַקט ליגן. כ'וועל נעמען אונטער אַ שטרענגן פֿאַרהער די אַלטע! און אויב נאָר ס'איז אמת... נו... ווײַס

זי שוין ביי מיר האָבן צו זינגען און צו זאָגן...

אַנוטשקין

דערלויבט מיר אויך, אייך צו באַאומרויִקן מיט אַ פֿראַגע. כ׳בין זיך מודה, ניִשט קענענדיק די פֿראַנצויזיִשע שפּראַך, איז מיר זייער שווער אַליין צו משפּטן, צי קען אַ פּרויענצימער פֿראַנצויזיש, צי ניִשט. ווי איז די בעל־הביתטע פֿון דאַנען? זי קען?...

קאָטשקאַרעוו

ווי מיין ליִנקער פֿוס.

אַנוטשקין

וואָס רעדט איר?

קאָטשקאַרעוו

וואָס הייסט, דאָס ווייס איך זייער גוט. זי האָט זיך געלערנט צוזאַמען מיט מיין פֿרוי אין אַ פּאַנסיאָן. זי איז געווען אַ באַרימטע פֿוילערקע, שטענדיק איז זי אין אַ לעקישעוואַטן היטעלע געזעסן. און דער פֿראַנצויזישער לערער האָט זי פּשוט מיִט אַ שטעקן געשלאָגן.

אַנוטשקין

שטעלט אייך פֿאָר, אַז באַלד דאָס ערשטע מאָל, וואָס כ׳האָב זי געזען, האָב איך שוין געהאַט עפּעס אַ פֿאָר־געפֿיל, אַז זי קען ניִשט קיין פֿראַנצויזיש.

יאַיִטשניצאַ

נו, כאַפּט דער טייוול דאָס פֿראַנצויזיש! אָבער די פֿאַרשאָלטענע שדכנטע... אַך דו בעסטיע איינע, מכשפה דו! ווען איר וואָלט געוווּסט מיט וואָס פֿאַר אַ ווערטער זי האָט אַלץ אָפּגעמאָלט, — אַ מאַלער, אַן אמתער מאַלער, כ׳לעבן! „אַ הויז, אַ פֿליגל, — זאָגט זי, — אויף פֿונדאַמענטן, זילבערנע לעפֿל, אַ שליִטן — כאַטש נעם זעץ זיך און שליטל זיך!“ מיט איין וואָרט, אין אַ ראָמאַן איז זעלטן צו געפֿיִנען אַזאַ זייטל. אַך דו אַלטע פּאָדלשווע! ווען איך כאַפּ דיִך נאָר אין מיינע הענט...

זעקסטע סצענע.

דיועלבע און טעקלאַ. אלע, דערזעענדיק זי, הייבן זיך צו איר מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

יאַ ַ ט ש נ י צ אַ

אַ! אָס איז זי! קום נאָר אָקאָרשט אַהער, דו אַלטע פֿאַרפֿירערין! קום אָקאָרשט אַהער!

אַ נ ו ט ש ק י ן

אַזוי האָט איר מיך דאָס אָפּגענאַרט, טעקלאַ איוואַנאָוונאַ?

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו

עי, קום נאָר, וואַרוואַראַ, אויף אַ משפּט!

ט ע ק ל אַ

כ׳קאָן קיין וואָרט נישט פֿאַרשטיין: האָבן מיך אינגאַנצן פֿאַרטויבט.

יאַ ַ ט ש נ י צ אַ

דאָס איז געבויט געוואָרן נאָר אויף איין ציגל, דו אַלטע פּאָדעשווע! און דו האָסט אָנגעבאַקט ליגן: ס׳איז נאָך מיט אַן אויבערשטן שטאָק און דער רוח ווייסט מיט וואָס.

ט ע ק ל אַ

ווייס איך דען, נישט איך האָב עס געבויט. קאָן זיין, ס׳איז נויטיק געווען אויף איין ציגל, איז עס דערפֿאַר אַזוי געמאַכט געוואָרן.

יאַ ַ ט ש נ ַ צ אַ

און דערצו איז עס נאָך פֿאַרזעצט אין לאָמבאַרד! וואָלטן דיך שדים אויפֿגעפֿרעסן, פֿאַרשאָלטענע מכשפֿה! סטופּענדיק מיטן פֿוס

ט ע ק ל אַ

קוקט אים נאָר אָן, ער זידלט זיך נאָך. אַן אַנדערער וואָלט באַדאַנקט, וואָס כ׳האָב געזאָרגט פֿאַר אים.

אַ נ ו ט ש ק י ן

יאָ, טעקלאַ איוואַנאָוונאַ, מיר האָט איר אויך אָנגעפּלוישט, אַז זי קען פראַנצויזיש.

קלאַ

זי קען, מיין ליבער! אַלץ קען זי, סיי דייטשיש און סיי אַלץ, וועלכע מאַניערן דו ווילסט — אַלץ קען זי.

אַנוטשקין

עס, ניין. דוכט, זי קען נאָר ריידן רוסיש.

טעקלאַ

טאָ וואָס פאַר אַ ביין? ס'איז מער פאַרשטענדלעך אויף רוסיש, רעדט זי רוסיש. ווען זי וואָלט גערעדט טערקיש, וואָלט פאַר דיר געווען ערגער, דו וואָלסט אַליין פאַרשטאַנען אַ פייג. כ'לעבן, נישטאָ דאָ וואָס צו טענהן איבערן רוסישן לשון — מ'ווייס וואָסערער דאָס איז: אַלע הייליקע האָבן גערעדט רוסיש.

יאַיטשניצאַ

קום נאָר אָקאָרשט אַהער, דו פאַרשאָלטענע, קום נאָר צו מיר!

טעקלאַ

שאַרנדיק זיך נענטער צו דער טיר

וויל איך נישט צו־גיין. כ'קען דיך שוין: ביסט אַ ביי־טערער מענטש. קאָנסט פאַר גאָרנישט נעמען שלאָגן.

יאַיטשניצאַ

נו, וואַרט, וואַרט, טייבעלע, דאָס וועט דיר גלאַטיק נישט אָפּגיין. אָט אַז איך וועל דיך אַוועקשלעפּן אין פּאָליציע, וועסטו שוין ביי מיר וויסן ווי אַזוי אָפּצונאַרן ערלעכע מענטשן. אָט וועסטו זען! און דער כּלה זאָג, אַז זי איז — אַ געמיינע בריאה! הערסט, אומבאַדינקט זאָג עס איר! גייט ארויס

טעקלאַ

קוקט אים נאָר אָן, ווי ער איז אין כּעס געוואָרן אַביסל! אַז ער איז גראָב, מיינט ער, אַז קיינער איז שוין צו אים נישט גלייך. און איך זאָג, אַז דו ביסט אַליין אַ געמיינער יונג, אָט וואָס!

אַ[illegible]וטשקין

כ׳בין זיך מודה, מײַן טייערע, אַז כ׳האָב בשום אופן נישט געקלערט, אַז איר זאָלט קענען אַזוי אָפּנאַרן. ווען איך ווייס, אַז די כלה באַזיצט אַזאַ בילדונג, וואָלט איך דאָ... וואָלט מיין פוס אפילו דאָ נישט געווען. אָט וואָס!

גייט ארויס

טעקלאַ

מיט סם־קרייטעכצער זיך אָנגעפרעסן, אָדער האָבן צופיל גלעזלעך אַריינגעכאַפּט. זע נאָר, זע! ס׳אַראַ איבערקליי־בערס גאָר. די נאַרישע „גראַמאָטע״ האָט זיי פון זינען אַראָפּגעפירט.

זיבעטע סצענע.

טעקלאַ, קאָטשקאַרעוו און זשעוואַקין.

קאָטשקאַרעוו

לאַכט פון גאַנצן האַרצן, קוקנדיק אויף טעקלאַן און טײַנדיק אויף איר מיטן פינגער

טעקלאַ

מיט פאַרדרוס

וואָס רייסטו זיך אַזוי דעם האַלז?

קאָטשקאַרעוו

לאַכט ווײַטער

טעקלאַ

אָ־האָ, ווי ס׳האָט אים אָנגעשפּאַרט!

קאָטשקאַרעוו

אָט אַ שדכנטע, אַ שדכנטע! איז אַ קינצלערין חתונה צו מאַכן, ווייס ווי מ׳פירט דאָס עסק! קײַכט ווײַטער

טעקלאַ

ווי ס׳שטופּט אים דאָס געלעכטער! מסתמא האָט ביי דיין פאַרשטאָרבענער מוטער זיך דער שכל איבערגע־דרייט, בעת זי האָט דיך געבוירן. גייט אַוועק מיט פאַרדרוס

אכטע סצענע.

קאַטשקאַרעוו, זשעוואַקין.

קאַטשקאַרעוו

(קייכט ווייטער)

אָך, איך קאָן נישט, באמת איך קאָן נישט! די כחות ווערן נישט אויסהאַלטן; איך פיל, אַז איך וועל פּלאַצן פון געלעכטער! (קייכט ווייטער)

זשעוואַקין

(קוקנדיק אויף אים, הייבט אויך אָן לאַכן)

קאַטשקאַרעוו

(חאַפּט זיך מיד אויף אַ שטול)

אָך, כ'האָב פשוט קיין כחות נישט. איך פיל, אַז אויב כ'וועל זיך נאָך אַמאָל צולאַכן, גייען מיר אויס די לעצטע כחות.

זשעוואַקין

עס געפעלט מיר זייער אייער פריילעכער כאַראַקטער. ביי אונז אין עסקאַדרע פון קאַפּיטאַן באָלדאַרעוו איז געווען אַ מיטשמאַן, פּעטוכאָוו, אַנטאָן איוואַנאָוויטש: האָט אויך געהאַט אַזאַ פריילעכע נאַטור. פּלעגט טרעפן, — ער דאַרף קיין סך נישט האָבן, — דו ווייזט אים נאָר איין פינגער, שיסט ער גלייך אויס אין אַ געלעכטער, און, ערן־וואָרט, ביזן סאַמע אָוונט פלעגט ער אַזוי קאָנען אָפּלאַכן. נו, און קוקנדיק אויף אים, פלעגט טרעפן, אַז די זייטיקע אַליין פלעגט אויך ווערן לעכערלעך. מ'קוקט אויף אים און לסוף צולאַכט מען זיך אויך אַזוי ווי ער.

קאַטשקאַרעוו

(כאַפּנדיק דעם אָטעם)

אָך, גאָט, זיי זשע מוחל אונז, זינדיקע! נו, וואָס איז איר איינגעפאַלן, דער בהמה! ווי קומט זי חתונה מאַכן? קען זי דען חתונה מאַכן? אָט אַז איך וועל חתונה מאַכן, וועט זיין חתונה געמאַכט!

זשעוואַקין

ניין! קאָנט איר טאַקי אָן שפּאַס חתונה=מאַכן?

קאָטשקאַרעוו

נאָך ווי! ווען איר ווילט און מיט ווען איר ווילט נאָר!

זשעוואַקין

אויב אַזוי, טאָ מאַכט מיך חתונה מיט דער ווירטין פון דאַנען.

קאָטשקאַרעוו

אייך? צו וואָס דאַרפט איר חתונה האָבן?

זשעוואַקין

וואָס הייסט צו וואָס? דערלויבט מיר צו באַמערקן, ס'איז אַביסל אַ מאָדנע שאלה! ס'איז אַ גאַנץ באַקאַנטע זאַך צוליב וואָס.

קאָטשקאַרעוו

איר האָט דאָך אָבער געהערט, זי האָט קיין נדן נישט

זשעוואַקין

נישטאָ — איז אויך פאַרפאַלן. געוויס, איז עס נישט אַזוי פויגלדיק; אָבער, איבעריגנס, מיט אַזאַ חנעוודיק מיידל, מיט איר באַנעמונג, קאָן מען אַדורכלעבן אָן נדן אויך. אַ צימערל נישט קיין גרויס (גיט אַ מעסט אַלס אַ ביישפּיל מיט די הענט) אַ קליינטשיק אויפנאַם=חדרל, אַ קליינ[?] שירם=ווענטל, אָדער אַזאַ מין הישפּאַניש ווענטל...

קאָטשקאַרעוו

וואָס איז אייך אין איר אַזוי געפעלן געוואָרן?

זשעוואַקין

זאָגן אייך דעם אמת, איז זי מיר געפעלן געוואָרן דערפאַר, וואָס זי איז אַ פולע פרויענצימער. כ'בין אַ גרויסער אַמאַטאָר פון פרויען=דיקקייט.

קאָטשקאַרעוו

(קוקנדיק אויף אים פון דער קרים, רעדט און אַ זייט)

נו, אליין האָט ער זיך ווייט נישט מיט וואָס איבערצו-

געמען; גלייך ווי אַ בייטל, פֿון וועלכן מ׳האָט דעם טאַ־
באַק אויסגעטרייסלט. העכער ניין, איר דאַרפֿט איבערהויפּט
נישט חתונה האָבן.

זשעוואַקין

וואָס הייסט?

קאָטשקאַרעוו

אַזוי, צווישן זיך גערעדט, וואָס פֿאַר אַ פֿיגור האָט איר?
אַ הענערשער פֿוס...

זשעוואַקין

אַ הענערשער פֿוס?

קאָטשקאַרעוו

אַוודאי, ווי דען זעט איר אויס!

זשעוואַקין

סטייטש, ווי איז עס פֿונדעסטוועגן — אַ הענערשער פֿוס!

קאָטשקאַרעוו

פּשוט אַ הענערשער פֿוס.

זשעוואַקין

מיר שיינט, אַז, פֿונדעסטוועגן, האַנדלט זיך עס בנוגע
דער פּערזענלעכקייט...

קאָטשקאַרעוו

איך זאָג עס דאָך דערפֿאַר, ווייל איך ווייס, אַז איר
זייט אַ פֿאַרשטענדיקער מענטש; קיין אַנדערן וועל איך
דאָס נישט זאָגן. אייך וואָלט איך יאָ געקענט חתונה
מאַכן, אָבער מיט אַן אַנדערער.

זשעוואַקין

ניין, כ׳וואָלט אייך געבעטן, מיט קיין אַנדערער מיך
נישט חתונה צו מאַכן. זייט זשע אַזוי פֿריינטלעך און
מאַכט מיך חתונה מיט דער דאָזיקער.

קאָטשקאַרעוו

ביטע, ביטע, כ׳וועל אייך חתונה מאַכן, אָבער מיט אַ
תּנאַי: איר מישט זיך נישט אין קיין זאַך און ווייזט
זיך אַפֿילו נישט דער כּלה פֿאַר די אויגן — כ׳וועל

אַלץ טאָן אָן אייך.

זשעוואַקין

אָבער ווי קאָן מען דאָס פונדעסטוועגן אַלץ אָן מיר? פונדעסטוועגן דאַרף איך זיך דאָך ווייזן כאָטש פאַר די אויגן.

קאָטשקאַרעוו

מ'דאַרף עס גאָרנישט. גייט אַהיים און וואַרט: היינטיקן אָוונט וועט אַלץ געטאָן ווערן.

זשעוואַקין

רייבט זיך די הענט

אָט דאָס וואָלט שוין איינמאָל גוט געווען! אָבער צי דאַרף מען נישט מיין אַטעסטאַט? דעם אַמט-פּאַפּיר? אפשר וועט די כלה זיין נייגעריק צו וואַרפן דערויף אַ בליק? כ'וועל נאָך זיי אַ לויף-טאָן אויף אַ רגעלע.

קאָטשקאַרעוו

מ'דאַרף קיין זאַך נישט, גייט נאָר אַוועק אַהיים; כ'וועל אייך היינט נאָך געבן צו וויסן באַגלייט אים אַרויס יאָ, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, נישט יום-טובדיק! וואָס זאָל עס זיין? וואָס קומט נישט פּאָדקאָלעסין? דאָס איז פונדעסט-וועגן משונהדיק, צי דען פאַרריכט ער זיך נאָך אַלץ דאָס רימענדל? צי זאָל איך נישט אַ לויף-טאָן נאָך אים?

ניינטע סצענע.

קאָטשקאַרעוו. אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַרומקוקנדיק זיך

וואָס, זיי זיינען אַוועק? קיינער נישטאָ!

קאָטשקאַרעוו

אַוועק, אַוועק. קיינער נישטאָ.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַך, ווען איר וואָלט געוווסט, ווי איך האָב אינגאַנצן

געציטערט. אַזעלכעס איז נאָך מיט מיר קיינמאָל ניט געשען. אָבער ס'אַראַ שרעקלעכער מענטש עס איז, דער דאָזיקער יאַיטשניצאַ; וואָס פֿאַר אַ טיראַן דאַרף ער זיין פֿאַר אַ ווייב. מיר דוכט זיך אַלץ, אַז ער וועט זיך באַלד אומקערן.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

אָ, ער וועט זיך פֿאַר קיין פֿאַל נישט אומקערן. כ'וואָלט מיין קאָפּ לייגן, אויב עמיצער פֿון זיי ביידן וועט דאָ דעם נאָז אַריינשטעקן.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ וו נ א

און דער דריטער?

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

וועלכער דריטער?

ז ש ע וו אַ ק י ן

אַרייַנרוקנדיק דעם קאָפּ אין טיר

ס'ווילט זיך שרעקלעך וויסן, ווי וועט זי זיך אַרויסזאָגן וועגן מיר מיט איר מיילכעלע... די פּראַכטפֿולע רויז.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ וו נ אַ

און באַלטאַזאַר באַלטאַזאַראָוויטש?

ז ש ע וו אַ ק י ן

אָט! אָט! אָטאָ רייַבט זיך די הענט

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

פֿע, אַ גאָרנישט! כ'האָב געמיינט, כ'וויס וועגן וועמען איר רעדט. ס'איז דאָך, דער ווייס וואָס, אַ געפּעטר-לעכער שוטה!

ז ש ע וו אַ ק י ן

וואָס אַזעלכעס? דאָס, זעט איר, פֿאַרשטיי איך שוין בשום אופֿן נישט.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ וו נ אַ

לויטן אָנבליק ווייזט ער אויס צו זיין אַ זייער גוטער מענטש

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

אַ שיכור.

ז ש ע ו ו אַ ק י ן

ערן־וואָרט, כ׳פאַרשטיי ניִשט.

אַ ג אַ ט אַ ט יִ כ אָ נ אָ ו ו נ אַ

צי דען גאָר אַ שכּור?

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

וואָס רעדט איר, אן אמתער אויסוורף!

ז ש ע ו ו אַ ק י ן

הויך

גיין, זייט מוחל, דאָס האָב איך אייך פאַר קיין פאַל ניִשט געבעטן צו ריידן. עפּעס עס איז אריינוואַרפן לטובת מיין פּראָפּיט, א רים־טאָן — דאָס איז עפּעס אַנדערש, אָבער גיין אויף אזא אופן, מיִט אזעלכע ווערטער, דאָס מעגט איִר סיידן אנדערע טאָן, אָבער נישט מיר.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

אָן א זייט

ווי אזוי האָט עס איִם געטריבן זיך אומצוקערן. צו אַגאַטאַ טיִכאָנאָװנאַ אין דער שטיִל זעט נאָר, זעט, ער קאָן זיך אויף די פיס נישט האלטן. ער פאַלט פון די פּיס, ווי א שכּור. טרייבט אים דורך און — אַראָפּ פון מאַרק! אָן אַ זייט און פּאָדקאָלעסין איז נאָך אלץ ניִשטאָ. ס׳ארא שלאַק! איך וועל זיך שוין אָן אים נוקם זיין. גייט אַוועק.

צענטע סצענע.

אַגאַטאַ טיִכאָנאָװנא און זשעוואַקיִן.

ז ש ע ו ו אַ ק יִ ן

אָן אַ זייט

האָט צוגעזאָגט צו רימען, און אָנשטאָט דעם האָט ער אויסגעזידלט אויפן קול איר, פּדיילײַן, גלויבט עס נישט.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו ו נ אַ

אנטשולדיִקט, כ׳שפּיר מיִך עפּעס נישט מיט אלעמען...

דער קאָפּ טוט מיר וויי. *הױל אױעקגײן.*

זשעוואַקין

קאָן זיין, אַז עפּעס געפעלט אייך נישט אין מיר? *אָנהײבנדיק איפּן קאָפּ* איר קוקט נישט אויף דעם, וואָס איך האָב דאָ אַ קליינינקן פליך: דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז פון אַ פיבער; די האָר וועלן גלייך אָפּוואַקסן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

מיר איז אַלצאיינס, וואָס ביי אייך זאָל נישט זיין.

זשעוואַקין

ביי מיר, פריילײן... אויב כ'זאָל אָנטאָן אַ שוואַרצן פראַק, וועט דאָס געזיכט זיין ווייסער.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

...איז פאַר אייך בעסער. אַ גוטן טאָג! *אָפּ.*

עלפטע סצענע.

זשעוואַקין *אליין, רעדט נאָך איר*

...ריילײן, אַנטשולדיקט — זאָגט מיר די סיבה פאַרוואָס? פאַר־ווען? צי דען איז אין מיר פאַראַן עפּעס אַ וויכ־טיקער פעלער? אַוועק איז זי. אַ זייער משונהדיקער פאַל. ס'האָט שוין אַזוי געטראָפן אַוודאי אַמאָל זיבעצן, און אַלץ אויף דעמזעלבן אופן; לכתחילה, דוכט זיך, גייט אַלץ כשורה, אָבער אַז עס קומט שוין אויפן סאַמע דרך— איז נאַ דיר! מען זאָגט אָפּ. *גייט אום פאַרטראַכט איבערן צימער* יאָ... די דאָזיקע וועט שוין זיין אַזוי גוט ווי די זיבע־צענטע כלה! וואָס פונדעסטוועגן ווילט זיך איר? וואָס געפעלט איר נישט, אַ שטייגער... — ווייס איך וואָס... *אַ קלער טוענדיק* אומפאַרשטענדלעך, ממש אומפאַרשטענדלעך! ווען כ'וואָלט געווען מיט עפּעס נישט אין אָרדנונג—זאָג איך. *באַקוקט זיך* דוכט, דאָס קאָן מען נישט זאָגן. די נאַטור האָט מיך, גאָט צו דאַנקען, נישט פאַרשעמט. כ'פאַרשטיי

עס נישט! אפשר זאָל איך אַ גיי-טאָן אַהיים און זיך אַ גראַבל טאָן אין קעסטל? דאָרט האָב איך געהאַט ליגן לידלעך, וואָס אַנטקעגן זיי וועט קיין איינע, אַ פנים, נישט באַשטיין... ערן-וואָרט, דער מוח באַגרייפט עס נישט! פון אָנהייב, דוכט זיך, איז עס געגאַנגען אויף אַ וועג... ווייזט-אויס, אַז מען דאַרף צוריק פאַרדרייען דעם דישעל. אַ שאָד, אַן אמתער שאָד... אָפּ.

צוועלפטע סצענע.

פאָדקאָלעסין און קאָטשקאַ-רעוו. קומען אריין אין גײדע קוקן זיך ארום אויף הינטן.

קאָטשקאַרעוו

ער האָט אונז נישט באמערקט. האָסט געזען, מיט וואָס פאַר אַ לאַנגן נאָז ער איז אַרויס?

פאָדקאָלעסין

צי דען האָט מען אים אויך אָפּגעזאָגט, ווי יענע?

קאָטשקאַרעוו

קורץ און שאַרף.

פאָדקאָלעסין

מיט אַ זעלבסטצופרידן שמייכל

ס'מוז, פונדעסטוועגן, זיין נישט אַזוי געשמאַק, אויב מ'זאָגט אָפּ.

קאָטשקאַרעוו

נאָך ווי!

פאָדקאָלעסין

איך גלויב נאָך אַלץ נישט, זי זאָל אָפן זאָגן, אַז איך געפעל איר בעסער פון אַלעמען.

קאָטשקאַרעוו

וואָס שייך געפעלן! זי איז צוליב דיר פשוט צומישט. אַזאַ ליבע: כ'אַראַ נעמען זי האָט דיר געגעבן, ס'אַראַ פּלאַם — כ'זאָג דיר, זי ברענט.

פּאָדקאָלעסין

שמייכלענדיק צופרידן

נו, יאָ, אין דער אמתן, אז א פּרויענצימער וויל, קען זי אַלצדינג זאָגן! דאָס גאַנצע לעבן וואָלט עס דיר גאָר-נישט איינגעפאַלן: מאָרדעלע, טאַראַקאַנדעלע, שוואַרצ-קימעלע...

קאָטשקאַרעוו

נאָר דאָס אַליין? אָט אַז דו וועסט חתונה האָבן, וועסטו זען אין די ערשטע צוויי חדשים וואָס פאַר א סדרה ווערטער עס וועט אַוועקגיין: כ'זאָג דיר, ברודער, וועסט פּראָסט צוגיין.

פּאָדקאָלעסין

לאַכנדיק

אַזוי גאָר?

קאָטשקאַרעוו

אויף מיין ערלעכקייט! פּונדעסטוועגן, פאָלג מיך אַצינד, לאָמיר צוטרעטן גלייך צום ענין. ערקלער זיך פאַר איר און אַנטפּלעק פאַר איר די רגע דאָס האַרץ און בעט איר האַנט.

פּאָדקאָלעסין

אָבער די רגע גאָר? וואָס רעדסטו!

קאָטשקאַרעוו

אומבאַדינגט די מינוט... שאַ, אָט איז זי אַליין דאָ.

דרייצענטע סצענע.

דיזעלבע און אגאַטא טיכאָנאָוונא

קאָטשקאַרעוו

כ'האָב צו אייך געבראַכט, פריילין, א שטערבלעך-פאַר-ליבטן, ווענען איר זעט דאָ. ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזאַ פאַרליבטער, פּראָסט, זאָל גאָט אויסהיטן קיין שונא נישט צו ווינטשן...

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

שטויסנדיק אים אונטערן האַנט, שטיל

נו, האָסט שוין, ברודערל, דוכט זיך, איבערגעכאַפּט די מאָס.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

צו אים

ס׳שאַדט נישט, ס׳שאַדט נישט! צו איר שטיל זייט אַ ביסל דרייסטער, ער איז זייער אַ שטילער, באַמיט זיך צו זיין, ווי ווייט מעגלעך, פֿרייער. טוט אַ ביסעלע אַ ריר מיט די ברעמען, אָדער אַ וואָרף מיט די אויגן און טרעפֿט אים, דעם גנבֿ, גלייך אין האַרץ אַריין, אָדער טוט אים ווי עס איז אַ ווייז אַן אָפּענעם אַקסל און זאָל ער, דער שלאַק, כאַפּן אַ קוק! אַ שאָד, איבעריגנס, וואָס איר האָט נישט אָנגעטאָן אַ קלייד מיט קורצע אַרבל; אָבער, איבעריגנס, דאָס דאָזיקע איז אויך גוט. העכער נו, איך לאָז אייך איבער אין אָנגענעמער געזעלשאַפֿט! כ׳וועל נאָר אַ רגעלע אַ קוק טאָן ביי אייך אין עס-צימער און אין קיך: מען דאַרף זען אויפּפּאַסן — באַלד וועט קומען דער אָפּיציאַנט, ביי וועמען מ׳האָט באַשטעלט אָוונט-ברויט; קאָן זיין, אַז, אויך ווין איז געבראַכט געוואָרן... צום ווידערזען! צו פּאָדקאָלעסינען דרייסטער! דרייסטער! אָפּ.

פּערצענטע סצענע.

פּאָדקאָלעסין און אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ וו נ אַ

כ׳בעט אייך זייער, זיצט!

זיי זעצן זיך און שווייגן

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

איר האָט עפּעס ליב, פֿריילין, צו שיפֿן זיך?

אַ ג אַ ט אַ ט ַי כ אָ נ אָ ו נ אַ

וואָס הייסט זיך שיפּן?

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס ַי ן

אויף דאַטשע איַז זייער גוט זומער צו שיפּן זיַך אין אַ שיפֿל.

אַ ג אַ ט אַ ט ַי כ אָ נ אָ ו נ אַ

יאָ, אַמאָל שפּאַציר איך זיַך דורך מיט באַקאַנטע.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס ַי ן

וואָס פאַר אַ זומער עס וועט זיין — ווייס מען נישט.

אַ ג אַ ט אַ ט ַי כ אָ נ אָ ו נ אַ

ס׳איז געוווּנטשן, ס׳זאָל זיין אַ גוטער.

ביידע שווייגן

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס ַי ן

וואָס פאַר אַ בלום, פריילין, האָט איר ליבער?

אַ ג אַ ט אַ ט ַי כ אָ נ אָ ו נ אַ

וועלכע עס שמעקט שטאַרקער — די נעלקע.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס ַי ן

צו דאַמען פּאַסן זיך זייער בלומען.

אַ ג אַ ט אַ ט ַי כ אָ נ אָ ו נ אַ

יאָ, אַן אַנגענעמע באַשעפטיגונג. אַ שווייגן אין וועלכער קירך זייט איר געווען דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג?

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס ַי ן

אין דער וואָזנעסענסקער, אָבער פאַראַכטאָגן בין איך געווען אין קאַזאַנער קאַטעדראַל-קירך. איבעריגנס, ס׳איַז דאָס זעלבע בעטן, אין וואָסער קירך עס זאָל נישט זיין. אין יענער איַז נאָר די באַפּוצונג אַ בעסערע. זיי שווייגן. פּאָדקאָלעסין קלאַפּט-צו מיט די פינגער איבערן טיש ס׳וועט שוין אין-גיכן פאָרקומען די יעקאַטערינענהאָפער פאַרווײַלונג.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו נ אַ

יאָ, אין אַ חודש אַרום, דוכט זיך.

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס ַי ן

אַפילו שוין קיין חודש נישטאָ.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַ פּנים, ס׳וועט זיין אַ פרייליכע פּאַרווייליִנג.

פּאָדקאָלעסין

היינט איז דער אַכטער. רעכנט אויף די פינגער ניינטער צענטער, עלפטער... אין צוויי=און=צוואַנציק טעג אַרום.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

זעט נאָר, ווי שנעל!

פּאָדקאָלעסין

היינטיקן טאָג אַפילו רעכן איך נישט. א שווייגן ווי דרייסט ס׳איז דאָס רוסיש פאָלק!

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

וואָס זאָגט איר?

פּאָדקאָלעסין

כ׳מיין די אַרבעטער. אויפ׳ן סאַמע שפּיץ שטייען זיי... כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ הויז, האָט זיך דער שטו־קאַטור־מאַכער געמאַכט די שטוקאַטורן און האָט גאָר קיין מורא נישט געהאַט.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַזוי. ווו איז עס געווען?

פּאָדקאָלעסין

כ׳גיי דאָרט אַלע טאָג פאַרביי, גייענדיק צום דעפּאַרטאַ־מענט. יעדן פרימאָרגן גיי איך דאָך אויף מיין שטעלע.

א שווייגן. פּאָדקאָלעסין הייבט ווידער אָן צו קלאַפּן מיט די פינגער אי־בערן טיש. לסוף נעמט ער זיך פאַרן הוט און פאַרנייגט זיך.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

וואָס, איר קלייבט זיך שוין?...

פּאָדקאָלעסין

יאָ. אַנטשולדיקט, וואָס כ׳האָב אייך, קאָן זיין, געלאַנג־ווייליקט.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

וואָס פאַלט אייך גאָר איין! פאַרקערט, איך דאַרף אייך גאָר דאַנקען פאַר אַזאַ צייט־פאַרטרייב.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

שמייכלענדיק

און מיר דוכט זיך גאָר אויס, אַז אין דער אמתן, אַז כ'האָב געלאַנגווייליקט.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ וו נ אַ

אַך, ניין, זיכער ניין!

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

נו, אויב אַז נישט, טאָ דערלויבט מיר אויך אַריינקומען אַן אַנדערש מאָל, ווען עס איז אין אָוונט...

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ וו נ אַ

זייער אַנגענעם. פאַרנייגט זיך. פאָדקאָלעסין גייט אַרויס.

פופצענטע סצענע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ אַליין

ס'אַראַ וויכטיקער מענטש דאָס איז! כ'האָב אים ערשט איצט גוט דערקענט. אין דער אמתן, מ'קאָן נישט ליב האָבן: אי אַ באַשיידענער, אי אַ פאַרשטענדיקער. יאָ, זיין פריינט האָט טאַקי גערעדט אמתע ווערטער; אַ שאָד נאָר, וואָס ער איז אַזוי שנעל אַוועקגעגאַנגען, כ'וואָלט אים נאָך געוואָלט הערן ריידנדיק. ס'איז אַ מחיה מיט אים צו ריידן! און דער עיקר איז גוט דאָס, וואָס ער פלוידערט נישט סתם אין דער וועלט אַריין. כ'האָב אים אויך געהאַט געוואָלט זאָגן אַ צוויי ווערטער, אָבער, כ'בין זיך מודה, כ'האָב עפעס נישט געוואַגט, דאָס האַרץ האָט אָנגעהייבן צו קלאַפּן... ס'אַראַ זעלטענער מענטש! כ'וועל גיין דערציילן דער מומעניו... אָפּ

זעכצענטע סצענע.

פאָדקאָלעסין און קאָטשקאַרעוו קומען אַרײַן.

קאָטשקאַרעוו

פאַרוואָס עפּעס אַ היים גיין? ס׳ארא טפשות! נאָך וואָס עפּעס אַ היים?

פּאָדקאָלעסין

וואָס וועל איך דאָ בלייבן? איך האָב דאָך שוין אַלץ געזאָגט, וואָס מען דאַרף.

קאָטשקאַרעוו

הייסט עס, אַז דו האָסט איר שוין אַנטפּלעקט דאָס הארץ?

פּאָדקאָלעסין

נו, דאָס נאָר דערווייל נאָך נישט.

קאָטשקאַרעוו

נאַ דיר א היסטאָריע! פאַרוואָס האָסטו זיך נישט ערקלערט?

פּאָדקאָלעסין

וואָס ווילסטו, נישט ריידנדיק פריִער וועגן קיין זאַך נישט, זאָל איך פּלוצלונגטהאַלבן אַראָפּפאַלן פון בוידעם: „פריילין, כ׳וויל מיט אייך חתונה האָבן!"

קאָטשקאַרעוו

עך, טאָ וועגן וואָס האָט איר גערעדט, וועגן וועלכע נאַקעשקייטן האָט איר געשמועסט געשלאָגענע אַנדערט־האַלבן שעה אויפן זייגער?

פּאָדקאָלעסין

מיר האָבן פאַר דער צייט איבערגערעדט וועגן אַלצדינג, און, כ׳בין זיך מודה, כ׳בין זייער צופרידן: מיט גרויס הנאה האָב איך די צייט פאַרבראַכט.

קאָטשקאַרעוו

אָבער כ׳בעט דיך, זאָג אַליין: ווען וועלן מיר אַלץ באַווייזן? אין אַ שעה אַרום מוז מען דאָך שוין פאָרן אין קירך אונטער דער חופה?

פּאָדקאָלעסין

ביסט משוגע געוואָרן? היינט אונטער דער חופה!...

קאָטשקאַרעוו

פאַרוואָס זשע ניִשט?

פּאָדקאָלעסין

היינט אונטער דער חופּה?

קאָטשקאַרעוו

דו האָסט דאָך אַליין געגעבן אַ וואָרט, האָסט דאָך גע-
זאָגט, אַז ווי נאָר די חתנים וועלן דורכגעטריבן ווערן,
ביסטו גלייך גרייט חתונה צו האָבן.

פּאָדקאָלעסין

נו, כ׳בין איצט אויך ניִשט ווייט פון מיין וואָרט, אָבער
ניט גלייך זשע; וויינציקסטנס אַ חודש דאַרף מען לאָזן
אָפּרוען.

קאָטשקאַרעוו

אַ חודש!

פּאָדקאָלעסין

נו, אודאי.

קאָטשקאַרעוו

ביסט פון זינען אַראָפּ, צי וואָס?

פּאָדקאָלעסין

ווייניקער ווי אַ חודש קאָן מען ניִשט.

קאָטשקאַרעוו

איך האָב דאָך באַשטעלט ביים אָפיציאַנט אָוונט-ברויט,
שטיק האָלץ דו! נו, פאָלג מיך, איוואַן קוזמיטש, עקשן-
זיך נישט איין, נחת מיינער, האָב חתונה איצט.

פּאָדקאָלעסין

וואָס רעדסטו, ברודער? ווי קאָן מען עס איצט?

קאָטשקאַרעוו

איוואַן קוזמיטש! נו, איך בעט דיך. אויב דו ווילסט
ניִשט פאַר זיך, ווייניקסטנס טו עס פאַר מיר.

פּאָדקאָלעסין

אָבער, כ׳לעבן, כ׳קאָן ניִשט.

קאָטשקאַרעוו

מען קאָן, מיין ליִבער, אַלץ קאָן מען, נו, איִך בעט דיִך,
ווייז נישט קיין קאַפּריִזן, נשמה מיינע!

פּאָדקאָלעסיִן

ניין, ניין! עפּעס אומבאַקוועם, לחלוטין אומבאַקוועם!

קאָטשקאַרעוו

וואָס הייסט אומבאַקוועם? ווער האָט עס דיִר געזאָגט?
זאָג אַליין, ביִסט דאָך אַ קלוגער מענטש; איִך זאָג דיִר
עס נישט צוליִב דעם, כּדי זיִך אונטערצולעקן צו דיִר,
נישט דערפאַר, ווייל דו ביסט אַן עקספּעדיטאָר, נאָר
כ׳רייד עס פּשוט פון ליבע... נו, גענוג שוין, טייערער,
באַשליס זיך, קוק מיט אַן אויג פון אַ קלוגן מענטשן.

פּאָדקאָלעסיִן

אויב ס׳וואָלט מעגלעך געווען, וואָלט איך...

קאָטשקאַרעוו

איוואַן קוזמיטש! אוצרל, ליבינקער! נו, אויב דו ווילסט,
וועל איך פאַר דיר פאַלן אויף די קני.

פּאָדקאָלעסיִן

צו וואָס?..

קאָטשקאַרעוו

שטעלנדיק זיִך אויף די קני:

אָט פאַל איִך אויף די קני! נו, דו זעסט אַליין, כ׳בעט
דיך! דאָס גאַנצע לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן דיין
טובה. עקשן זיך נישט איין, נשמהלע!

פּאָדקאָלעסיִן

אַז איך קאָן נישט, ברודער, אויף אַן אמת, איך קאָן
נישט.

קאָטשקאַרעוו

ביִז אויפשטיִענדיק

דבר=אחר!

פּאָדקאָלעסיִן

ביסע, קענסט זיך זיִדלען.

קאָטשקאַרעוו
אַ נאַרישער מענטש! ס'איז נאָך אַזעלכער קיינמאָל נישט געווען.
פּאָדקאָלעסין
זײַדל זיך, זײַדל זיך.
קאָטשקאַרעוו
פֿאַר וועמען האָב איך זיך באַמיט, זיך פֿאַרדרייט דעם קאָפּ? אַלץ פֿאַר דײַן נוצן, שוטה איינער. וואָרום וואָס גייט עס מיר אָן? כ'וועל דיך באַלד אַוועקוואַרפֿן, וואָס איז מײַן עסק?
פּאָדקאָלעסין
ווער האָט דיך געבעטן צו זאָרגן פֿאַר מיר? בײַטע, וואַרף אַוועק
קאָטשקאַרעוו
וועטט דאָך פֿאַרפֿאַלן ווערן, וועסט אָן מיר גאָר נישט טאָן. ווען מ'זאָל דיך נישט חתונה־מאַכן, וועסטו דאָס גאַנצע לעבן בלײַבן אַ נאַר.
פּאָדקאָלעסין
וואָס אַרט עס דיך?
קאָטשקאַרעוו
וועגן דיר זאָרג איך עס, הילצערנער מח.
פּאָדקאָלעסין
איך וויל נישט דו זאָלסט זיך באַמיִען.
קאָטשקאַרעוו
טאָ גיי זשע דיר צום טײַוול!
פּאָדקאָלעסין
נו, וועל איך גיין.
קאָטשקאַרעוו
דאָרט איז טאַקי דײַן וועג.
פּאָדקאָלעסין
מילא, וועל איך גיין.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

גיי, גיי, און ברעך אַ פוס. איך ווינטש דיר פון גאַנצן האַרצן, אַז אַ שכורער פורמאַן זאָל דיך אַריינפאָרן מיטן דישעל גלייך אין גרגרת אריין! אַ שמאַטע ביסטו, נישט קיין באַאַמטער! איך שווער דיר, אַז איצט איז צווישן אונז אַלץ געענדיקט. ווייז זיך מיר מער נישט פאַר די אויגן.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

כ'וועל זיך טאַקי נישט ווייזן. (גייט אַוועק)

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

צום טייוול, צו דיין אַלטן חבר! (עפנענדיק די טיר שרייט ער אים נאָך) אייזל!

זיבעצנטע סצענע.

קאָטשקאַרעוו אַליין. (גייט אויפגערעגט הין און צוריק)

נו, איז שוין אַמאָל געזען געוואָרן אויף דער וועלט נאָך אַזאַ מענטש? ס'אַראַ לעקיש אַ ביסל! אָבער אויב זאָגן דעם אמת, האָב איך אויך דאָ אַ פיינעם פנים. זאָגט מיר, איך בעט אייך, כ'פאַרלאָז זיך אויף אייך: בין איך נישט קיין בטלן, קיין שוטה? פאַר וועמען בין איך זיך מוסר נפש, און שריי, אַזש אין האַלז איז מיר טרוקן געוואָרן? זאָגט מיר, וואָס איז ער מיינס? אַ גואל? און וואָס בין איך זיינס: אַן אָם, אַ מומע, אַ שוויגער, אַ צוטשעפעניש, צי וואָס? צו וועלכע שוואַרצע יאָר! פאַרוואָס און פאַר־ווען לייג איך איין פאַר אים וועלטן, גיב זיך קיין רו נישט? דאָס שוואַרץ יאָר האָט אים גענומען! דער טייוול ווייסט, וואָס איך טומל זיך דאָ מיט אים. גיי פרעג אַ מאָל אַ מענטשן צוליב וואָס טוט ער דאָס אָדער יענץ!.. ס'אַראַ מנוול דאָס איז! ס'אַראַ עקלהאַפטע, נידערטרעכטיקע צורה! כ'וואָלט דיך גענומען,

נאַריִשע בהמה דו, און געשנעלט אין נאָז, אין די אוי=
ערן, אין מויל, אין די ציין — אומעטום. אין צאָרן גיט ער
צעטלעכע שנעלן אין דער לופטן אָט וואָס ס'איז פֿאַרדראָסיק:
איז זיך אַרויסגעגאַנגען און — עס אַרט אים ווי די
וואַנט! ער טרייסלט זיך אָפּ, ווי אַ גאַנז פֿון וואַסער —
אָט דאָס רעגט מיך אויף! ער וועט זיך אַוועקגיין צו
זיך אויף דער קוואַרטיר, וועט זיך ליגן און זויגן די
לולקע. ס'אַראַ עקלהאַפֿטער נפֿש! עס זיינען פֿאַראַן מאוסע
נפֿשות, אָבער אַזעלכן וועסטו ניט אויסטראַכטן; וועסט
נישט פֿאַרפֿאַסן נאָך אַזאַ צורה, כ'לעבן, וועסט נישט
אויסקלערן. אָבער אַזוי וועט עס נישט אָפּגיין, כ'וועל
אים נישט לאָזן זיך אַרויסדרייען, כ'וועל גיין ברענגען
דעם ליידאַק!

אכטצענטע סצענע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ קומט אַריין

דאָס האַרץ קלאַפּט עפּעס אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז שווער
אַרויסצוגעבן. אומעטום, ווו איך זאָל זיך נישט קערן,
אַזוי שטייט ער פֿאַר מיר, איוואַן קוזמיטש. טאַקי אמת,
אַז פֿון מזל קאָן מען בשום אופֿן נישט אַנטלויפֿן. דאָ
ערשט האָב איך אינגאַנצן געוואָלט קלערן וועגן עפּעס
אַנדערש, אָבער מיט וואָס כ'זאָל זיך נישט פֿאַרנעמען,—
כ'האָב געפּרוווט וויקלען פֿאָדים, נייען אַ רידיקיול,— און
איוואַן קוזמיטש קריכט אַלץ אין האַנט אַריין. שווייגנדיק
א וויַל און אַזוי וואַרט אויף מיר לסוף אַן ענדערונג!
מ'וועט מיך נעמען און פֿירן אין קירך... נאָכדעם וועט
מען מיך איבערלאָזן אַליין מיט אַ מאַנספּיל — אָך! אַ
ציטער נעמט מיך דורך. אַדיע, מיין פֿריִערדיק מיידלש
לעבן! וויינט וויפֿיל יאָר האָב איך עס פֿאַרבראַכט אין
רויִקייט... כ'האָב געלעבט, געלעבט און איצט קומט אויס
חתונה צו האָבן! וויפֿיל דאגות, וויפֿיל זאָרגן: קינדער,

יִנגלעך, ס'איז אַ טומלדיקער עולם, און דערצו מיידלעך,
זיי וועלן אונטערוואַקסן — און מאַך זיי חתונה. גוט,
אויב זיי וועלן חתונה האָבן מיט לייטישע חתנים, ווי
איז אָבער, אַז זיי וועלן אַריינפאַלן צו שכורים, אָדער
צו אַזעלכע, וואָס קאָנען די לעצטע העמד אין קאָרטן
פאַרשפּילן! היבט בּיסלעכווייז ווידער אָן צו וויינען ס'איז מיר
אַפילו נישט געלונגען זיך צו פרייען מיט מיין מיידלשן
צושטאַנד, אַפילו זיבן־און־צוואַנציק יאָר איז מיר נישט אויס־
געקומען צו זיין מיידל... בּייסנדיק די שטים וואָס זאַמט
זיך אַזוי לאַנג איוואַן קוזמיטש ?

ניינצענטע סצענע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ און **פּאָדקאָלעסין** שפּאַרט זיך אַרויס אויף דער סצענע פון טיר דורך האָטשקאַרעוום בּיידע הענט.

פּאָדקאָלעסין

שטאַמלענדיק

כ'בּין אייך, פריילין, געקומען דערקלערן איין זאַך נאָר...
אָבער כ'וואָלט געוואָלט פריער וויסן, צי וועט עס אייך
נישט אויסזען משונהדיק?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אַראָפּלאָזנדיק די אויגן

וואָס אַזעלכעס?

פּאָדקאָלעסין

ניין, פריילין, זאָגט מיר פריער: וועט עס אייך נישט
אויסזען משונהדיק?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

הייסער אַזוי

כ'קאָן נישט וויסן, וואָס אַזעלכעס.

פּאָדקאָלעסין

זאָגער זייט זיך מודה: אמת, אייך וועט זיך אויסווייזן
משונהדיק דאָס, וואָס איך וועל אייך זאָגן?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

וואָס רעדט איר, ווי איז עס מעגלעך, עס זאָל זיין משוגעדיק. פון אייך איז אַלץ אנגענעם צו הערן.

פאָדקאָלעסין

אָבער דאָס האָט איר נאָך קיינמאָל נישט געהערט

אגאטא טיכאָנאָוונא לאָזט נאָך מער אראָפּ די אויגן; אין דער צייט גייט קאָטשקאַרעוו שטיל אריין און שטעלט זיך אים הינטערן פלייצע

די זאַך גייט אין דעם.. אָבער כ'וועל אייך בעסער זאָגן ווען עס איז שפעטער.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

אָבער וואָס איז עס אַזוינס?

פאָדקאָלעסין

ס'איז... כ'האָב געהאַט געוואָלט אייך איצט צו וויסן טאָן, אָבער כ'צווייפל נאָך עפעס אַלץ.

קאָטשקאַרעוו

צו זיך, פארלייגנדיק די הענט

גאָט מיין איינציקער, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשוין! ס'איז אַן אמתער ווייבערשער פאַנטאָפל און נישט קיין מענטש, אַ חוזק פון אַ מענטשן, אַ סאַטירע אויף אַ מענטש!

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

פאַרוואָס צווייפלט איר?

פאָדקאָלעסין

עס גנבעט זיך עפעס אַ ספק.

קאָטשקאַרעוו

אייפן קול

ווי נאַריש דאָס איז, ווי נאַריש! איר זעט דאָך פריילין: ער בעט אייער האַנט, ער וויל דערקלערן, אַז ער קאָן אָן אייך נישט לעבן, עקזיסטירן. ער פרעגט נאָר, צי זייט איר גרייט אים צו באַגליקן?

פאָדקאָלעסין

במעט דערשראָקן סטויסט אים, שנעל ארויסרײדנדיק

וואָס טוט זיך מיט דיר? וואָס רעדסטו?

קאָטשקאַרעוו

נו, וואָס, פריילין, באַשליסט איר זיך צו פאַרשאַפן גליק דעמדאָזיקן שטערבלעכן?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

איך וואַג נישט צו קלערן, אַז איך זאָל קאָנען פאַרשאַפן גליק... איבעריגנס, כ׳בין גרייט.

קאָטשקאַרעוו

נאַטירלעך, נאַטירלעך! ס׳וואָלט שוין לאַנג צייט געווען! גיט אייערע הענט!

פּאָדקאָלעסין

באַלד. (ווייל אים עפּעס זאָגן אויפן אויער, קאָטשקאַרעוו ווייזט אים די פייסט און דראָעט מיט בליקן; ער גיט די האַנט.)

קאָטשקאַרעוו

(פאַרייניגנדיק די הענט)

נו, גאָט זאָל אייך בענטשן! איך בין מסכים, ס׳איז אַן אמת-גוטער זיווג. חתונה-האָבן — דאָס איז אַזאַ מין זאַך... דאָס איז נישט דאָס, וואָס נעמען אַ דראָזשקע און אַוועקפאָרן ערגעץ ווו; דאָס איז אַן אַנדער מין פליכט, דאָס איז אַ פליכט... איצט האָב איך נאָר קיין צייט נישט, אָבער שפּעטער וועל איך דיר דערציילן, וואָס דאָס איז פאַר אַ פליכט. נו, איוואַן קוזמיטש, גיב אַ קוש די כלה דיינע, דו מעגסט עס איצט טאָן, דו מוזט עס איצט טאָן (אגאטא טיכאָנאָוונא לאָזט אראָפּ די אויגן) נישקשה, נישקשה, פריילין. אַזוי דאַרף מען; זאָל ער אַ קוש טאָן!

פּאָדקאָלעסין

נו, פריילין, דערלויבט, איצט דערלויבט (קושט זי און נעמט זי פאַר דער האַנט) ס׳אַדאַ פראַכטפולע הענטל! פאַרוואָס האָט איר, פריילין, אַזאַ שיין הענטל? פאָלגט מיך, פריילין, כ׳וויל, אַז שוין זאָל זיין די חופּה. אומבאַדינגט שוין.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

וואָס הייסט שוין? דאָס איז אפשר צו שנעל.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

כ׳ווייל אַפּילו נישט הערן! כ׳ווייל אַפּילו, די מינוט זאָל זיין די חופּה!

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

בראַוואָ! גוט! אַ פיינער מאַן! כ׳בין זיך מודה, כ׳האָב שטענדיק פון דיר אַ סך דערוואַרט אין דער צוקונפט. איר, פרייליין, איילט זיך אין אמתן צו אביסל און טוט זיך אָן: איך האָב, דעם אמת זאָגנדיק, געשיקט נאָך דער קאַרעטע און פאַרבעטן געסט; זיי זיינען אַלע אַוועקגע-פאָרן גלייך אין קירך. דאָס חופּה-קליידל, ווייס איך, איז ביי אייך פאַרטיק.

אַ ג אַ ט אַ ט י כ אָ נ אָ ו ו נ אַ

אַודאי, שוין לאַנג פאַרטיק. כוועל אין איין רגעלע זיך אָנטאָן.

צוואַנציקסטע סצענע.

כאָטשקאַרעוו, פּאָדקאָלעסין.

פ אָ ד ק אָ ל ע ס י ן

נו, ברודער, אַ דאַנק דיר! איצט זע איך דיין גאַנצע טובה. אַן אייגענער פאָטער וואָלט פאַר מיר נישט גע-טאָן דאָס, וואָס דו. איך זע, אַז דו האָסט געטאָן פון פריינטשאַפט וועגן. אַ דאַנק, ברודער, כ׳וועל דיר אייביק די טובה נישט פאַרגעסן. געריירט דעם קומענדיקן פרילינג וועל איך אומבאַדינגט באַזוכן דיין פאָטערס קבר.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע ו ו

נישקשה, ברודער, כבין אַליין צופרידן. קום נאָר אַהער, כ׳וועל דיך אַ קוש טאָן. קישט אין איין באַק און נאָכדעם אין דער אנדערער גאָט זאָל געבן, אַז דו זאָלסט לעבן אין נחת קישן זיך אין ווילטאָג און מזל-ברכה; איר זאָלט דער-לעבן אַ קופּע קינדער...

פּ אָ ד ק אָ ל ע ס: ן

כ׳דאַנק דיר, ברודער! איצט טאַקי האָב איך לסוף זיך דערוווּסט, וואָס עס איז אַזוינס לעבן; איצט האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ גאַנץ נייע וועלט, איצט זע איך, אַז אַלץ באַוועגט זיך, לעבט, פילט, ווי עס קאָכט זיך אַלץ און ווי אַזוי, דו ווייסט אַליין נישט, וואָס עס טוט זיך, און פריער האָב איך דאָס אַלץ נישט געזען, נישט פאַרשטאַנען, ס׳הייסט כ׳בין געווען אַ מענטש אַן עם-הארץ, האָב נישט אַריינגעקלערט, זיך נישט פאַרטיפט און געלעבט, ווי עס לעבט זיך אַ יעדער איינער.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

ס׳טוט מיר הנאה! איצט וועל איך גיין אַ קוק טאָן, ווי אַזוי מען האָט געדעקט דעם טיש: אין אַ מינוט קער איך זיך ווידער אום (אַן אַ זייט) פונדעסטוועגן שאַדט נישט אויף יעדן פאַל צו באַהאַלטן זיין הוט. (נעמט און טראָגט אַוועק מיט זיך דעם הוט)

איין-און צוואַנציקסטע סצענע.

פּאָדקאָל סין (אַליין)

אין דער אמתן, וואָס בין איך געווען ביז איצט? האָב איך דען פאַרשטאַנען די באַטייטונג פון לעבן? כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, כ׳האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. וואָס פאַר אַ פּנים האָט געהאַט מיין בחורישׁ לעבן? וואָס פאַר אַ ווערט האָב איך געהאַט? וואָס האָב איך אויפגעטאָן? געלעבט, געלעבט, גערינט, געגאַנגען אין דעפּאַרטאַמענט, געגעסן מיטאָג, געשלאָפן — מיט איין וואָרט, געווען אויף דער וועלט אַ סאַמע פוסטער, געוויינטלעכער בשר ודם. נאָר איצט, זעסטו, ווי נאַריש זיינען די אַלע, וואָס האָבן נישט חתונה; וואָרום אַז מ׳זאָל אַ קוק טאָן — ס׳אַראַ מיינגע מענטשן געפינען זיך אין אַזאַ בלינדקייט! ווען איך וואָלט געווען ערגעץ-ווו אַ קייסער, וואָלט איך

אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע מוזן חתונה־האָבן, לחלוטין אַלע, כּדי אין מיין מדינה זאָל קיין איינציקער בחור נישט זיין. באמת, אַז דו טוסט נאָר אַ קלער: אין עטלעכע מינוט אַרום — און דו ביסט שוין אַ באַווייבטער! פּלוצלונג געניסטו דעם תּענוג, וועלכער איז נאָר פֿאַראַן אין מעשהלעך, וועלכן מען קאָן אַפֿילו נישט אויסדריקן, און ווערסט אַפֿילו קיין ווערטער נישט געפֿינען צום אויסדריקן. נאָך אַ געוויסן שווייגן פֿונדעסטוועגן, וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן, ווערט עפּעס שרעקלעך, אַז דו ווערסט גוט ווענן דעם אַ טראַכט טאָן. אויף דאָס גאַנצע לעבן, אויף די גאַנצע יאָרן, ווי עס זאָל נישט זיין, זיך פֿאַרבינדן, און שפּעטער קאָן שוין נישט זיין קיין אָפּטשעפּעניש, קיין חרטה, גאָרנישט, גאָרנישט -- אַלץ געענדיקט, אַלץ אָפּגעמאַכט, שוין איצט אַפֿילו קאָן מען שוין צוריק נישט ציען: נאָך אַ מינוט — און אונטער דער חופּה. מ׳קאָן אַפֿילו נישט אַוועקגיין — דאָרט שטייט שוין די קאַרעטע און אַלץ איז שוין גרייט... איז טאַקי אוממעגלעך אין דער אמתן אַוועקצוגיין? וואָס הייסט, פֿאַרשטייט זיך, מ׳קאָן נישט: ביי דער טיר און אומעטום שטייען מענטשן; ווערט מען פֿרעגן: נאָך וואָס? מ׳קאָן נישט, ניין! אַך אָט איז אָפֿן דאָס פֿענסטער; ווי איז, אַז דורכן פֿענסטער? ניין, מ׳קאָן נישט; ווי קומט עס, עס פּאַסט נישט און ס׳איז הויך גייט אונטער צום פֿענסטער נו, ס׳איז נאָך נישט אַזוי הויך, נאָר איין שטאָק און דאָס אַ נידעריקער. נו, ניין, ווי אַזוי, כ׳האָב אַפֿילו נישט דעם הוט מיט זיך. ווי קאָן מען אָן אַ הוט? נישט באַקוועם! און צי דען קאָן מען טאַקי נישט אָן דעם הוט? אפשר אַ פּרווו טאָן? האַ? אַ פּרווו טאָן, צי וואָס? שטעלט זיך אויפֿן פֿענסטער און זאָגנדיק: „גאָט, בענטש!" שפּרינגט ער אַראָפּ אויף די גאַס; הינטער דער האַנט קרעכצט ער און זיפֿצט אַך, פֿונדעסטוועגן איז עס נישקשהדיק הויך, עי, איזוואָזשטשיק!

דעם פֿורמאַנס קול

צו־פֿאָרן, צי וואָס?

פּאָדקאָלעסינס קול

אויף קאַנאַווקע נעבן סעמיאָנאָווער בריק.

דעם פֿורמאַנס קול

אַ גריוועניק.

פּאָדקאָלעסינס קול

לאָמיר פֿאָרן! *עס הערט זיך אַ קלאַפּן פֿון אַן אָפּפאָרנדיקער דראָשקע*

צוויי־און־צוואַנציקסטע סצענע.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ *קומט אַרײַן אין חופּה־קלייד, נישט דרייסט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ*

כ'ווייס אַליין נישט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. ווידער שעם איך זיך עפּעס. כ'ציטער אינגאַנצן. אַך, ווען ער וואָלט כאָטש אויף איין מינוט נישט געווען דאָ איצט אין צימער, ווען ער וואָלט נאָך עפּעס אַרויס! *קוקט זיך אַרום נישט דרייסט* ווו איז ער עס? קיינער נישטאָ. וווהין איז ער עס אַרויסגעגאַנגען *עפֿנט די טיר אין פֿאָדער־צימער און רעדט אַרויס* טעקלאַ, וווהין איז איוואַן קוזמיטש אַוועק?

טעקלאַס קול

ער איז דאָך דאָרט.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ווו דאָרט?

טעקלאַ

אַרײַנגייענדיק

ער איז דאָך געזעסן דאָ אין צימער.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ער איז דאָך נישטאָ, זעסט דאָך.

טעקלאַ

אָבער פֿון צימער איז ער אויך נישט אַרויס. כ׳בין גע-
זעסן אין פֿאָדער-צימער.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

טאָ ווו קאָן ער זיין?

טעקלאַ

כ׳ווייס שוין אַליין נישט ווו. איז ער נישט אַרויס דורך
דעם אַנדער אַרויסגאַנג, דורך די קיך, אָדער זיצט ער
נישט אַמאָל אין אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַס צימער?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

מומעניו, מומעניו!

דריי-און-צוואַנציקסטע סצענע.

די זעלבע און אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ.

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

(אין אויסגעטאָנענע)

וואָס איז געשען?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

איוואַן קוזמיטש איז ביי אייך?

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

ניין, ער דאַרף דאָ זיין; צו מיר איז ער נישט אַריין.

טעקלאַ

אין פֿאָדער-הויז איז ער אויך נישט געווען. כ׳בין דאָך
דאָרט געזעסן.

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ער איז דאָך דאָ אויך נישטאָ. איר זעט דאָך.

פיר־און־צוואַנציקסטע סצענע.

דיזעלבע און קאָטשקאַרעוו.

קאָטשקאַרעוו

וואָס פאַר אַ מעשה?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

איוואַן קוזמ'טש איז נישטאָ.

קאָטשקאַרעוו

וואָס הייסט נישטאָ, ער איז אַוועקגעגאַנגען?

אַגאַטאַ טיכאָנאָוונאַ

ניין, ער איז אַפילו נישט אַוועקגעגאַנגען.

קאָטשקאַרעוו

ווי אַזוי, ער איז נישטאָ און איז נישט אַוועקגעגאַנגען?

טעקלאַ

ווו ער האָט זיך געקאָנט אַהינטאָן — דאָס באַנעם איך גאָרנישט. אין פאָדער־צימער בין איך די גאַנצע צייט געזעסן און זיך פון אָרט נישט גערירט.

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

דורך די קיך האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט גיין.

קאָטשקאַרעוו

וואָס טוט זיך דאָ, צום טייוול! פאַרפאַלן ווערן, נישט אַרויסגייענדיק פון צימער, האָט ער דאָך פאָרט נישט געקענט. האָט ער זיך נישט אַמאָל באַהאַלטן? איוואַן קוזמיטש! ווו ביסטו? מאַך זיך נישט נאַריש! קריך אַרויס שנעלער! וואָס איז עס פאַר אַ שפּאַס? שוין צייט אין קירך צו פאָרן. פאַרקוקט הינטערן באַנק, האָט־פּס קרום אַ בליק אפילו אונטער די שטולן אימפאַרשטענדלעך! נאָר גיין, ער האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין, בשום אופן נישט. ער איז דאָ, אין יענעם צימער און דער הוט — כ'האָב אים בכיוון דאָרט אַריינגעלייגט.

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

אפשר אַ פרעג טאָן דאָס מיידל? זי איז די גאַנצע צייט

געשטאַנען אויף דער גאַס, ווייסט זי ניִשט אַמאָל עפּעס?...
דוניאַשקאַ! דוניאַשקאַ!

פיִנף=און=צוואַנציִקסטע סצענע.

דיועלבע און דוניאַשקאַ.

אַרינאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

ווו איִז איוואַן קוזמיִטש, האָסט נישט געזען?

דוניאַשקאַ

זיי זיינען דאָך אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער אנגעטאָ

טיִכאָ׳אָחנע טוט אַ געשריי, אַ פּאַטש טוענדיק מיִט די הענט

אַלע דריי

דורכן פענסטער?

דוניאַשקאַ

יאָ, יאָ, און נאָכדעם, אַז זיי זיינען אַרויסגעשפּרונגען,
האָבן זיי גענומען אַ דראָשקע און אַוועקגעפאָרן.

אַריִנאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

אָבער רעדסטו אמת?

קאָטשקאַרעוו

זאָגסט ליגן, ס׳קאָן נישט זיין!

דוניאַשקאַ

איִך שווער ביי גאָט, זיי זיינען אַרויסגעשפּרונגען! אָט
דער קרעמער פון געוועלבל האָט אויך געזען. זיי זיינען
מושווה געוואָרן מיִטן איִזוואָזשטשיִק אַ גריִוועניִק און
אַוועקגעפאָרן.

אַריִנאַ פּאַנטעליימאָנאָוונאַ

צוגייענדיִק צו קאָטשקאַרעוון

כ׳בעט אייך, יונגערמאַן, וואָס פאַר אַ קאָטאָוועס טרייבט
מען דאָ? הוזק מאַכן פון אונז האָט זיִך אייך פאַרגלוסט?
צו שאַנד און שפּאָט ווילט איר אונז מאַכן? כ׳לעב שוין
ב״ה דעם זעקסטן צענדליק און אַזא חרפּה נאָך ניִשט
דערלעבט. כ׳וועל אייך, יונגערמאַן, דערפאַר אָנשפּייען

1.

אַ פּוילע צורה, אויב איר זייט אַן ערלעכער מאַן. נאָך
אַזאַ עובדא זייט איר אַ געמיינער יונג, אויב איר זייט
אַן ערלעכער מאַן. מבייש זיין פאַר דער גאַנצער וועלט
אַ מיידל! איך בין אַ פוירטע און וועל דאָס נישט טאָן
און נאַ דיר גאָר אַ דוואָריאַנין! קענטיק, נאָר אויף געמיינע
שפיצלעך און שווינדלעריי קלעקט אייך אייער יחוס!

גייט ארויס אויפגערעגט און פירט ארויס די כלה, קאָטשקאַרעוו שטייט ווי צומישט

ט ע ק ל אַ

נו? און דאָס איז עס דער העלד, וואָס ווייסט ווי צו-
פירן אַן עסק! אָן אַ שדכנטע קאָן ער אויספירן א שידוך!
איך מעג טאַקע האָבן כלערליי חתנים, ארומגעריסענע-
אַרומגעשליסענע, אָבער אַזעלכע, וואָס זאָלן שפּרינגען
דורכן פענסטער, האָב איך גאָרנישט, מעגט איר מיר
שוין גלויבן.

ק אָ ט ש ק אַ ר ע וו

דאָס איז אַ שטותעריי, דאָס איז נאָך נישט אַזוי; כ'וועל
אַ לויף-טאָן צו אים, כ'וועל אים אומקערן גייט אַוועק

ט ע ק ל אַ

גיי, גיי, קער אים צוריק! ווייסט אפנים נישט פון דיין
קאָפּ ווי ביי אַ שידוך קומט פאָר. ווען ער וואָלט נאָך
דורך די טיר געלאָפן — איז אַן אַנדער זאַך, אָבער אַז
דער חתן האָט אַרויסגעטאַנצט דורכן פענסטער — דאָ
איז שוין — אַ נעכטיקער טאָג!

פאָרהאַנג